צוואַנציקסטער יאָרגאַנג „לשון און לעבן"

# לשון און לעבן

חודש-זשורנאַל פאַר ליטעראַטור, טעאַטער, קונסט און קולטור

נומער 10־9 (העפט 7־336) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג סעפּ.־אָקט. 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל

א י נ ה אַ ל ט :

אַ שט־קל סך־הכל פון קליינלעכע חשבונות, פאַרעם רעפאָרעם און אוניפאַרעם, אַ תפ־לה
פאַר תש״כ, יזכור, נעילה, „בשובך לציון", קידוש לבנה, מוצאי־יום־כפור־באַלאַדע •• 1
ערב יום כפור (דערציילונג) ........ דוד פינסקי 9
דוד פינסקי ע״ה דער פאָלקס־פריינט (עסיי) ........ יהודה ביטעש 15
אויף קבר־אבות (ל־ד) ........ ש. קאַלשטיין 18
צושפילט האָט זיך מיין מוזע (ל־ד) ........ רחל דון־יח־א 19
זיין געבענשט מיין ברודער (ליד) ........ שמואל חהייט 19
צוויי עסייען : (א) די וועלט און דו ; (ב) בוך ........ יחזקאל בראַנשטיין 20
עם ישראל חי (ליד) ........ מ. א. סול 21
מיין באַגעגעניש מיט משה עובד ........ ר. היישעריק־פּיקס 21
משה עובד ........ סער דזשייקאָב עפשטיין 24
שיר — אַ געזאַנג, השיר־ם — איבער אַלע געזאַנגען (עלעגיע אין 13 געזאַנגען) צום בוך
ווייטשעפל (לידער און פּאָרט־רעטן אין גראַמען) ........ א. נ. שטענצל 25
מיין בן־עיר ש. בערל־נסקי ז״ל (עסיי) ........ ש. י. דאַרפזאָן 49
די פייגל אין הערבסט (ל־ד) ........ ש. זאַלקין 52
יידישע פ־לאָזאָפיע און טראַדיציע (די ה־סטאָרישע מ־ס־ע פון די נביא־ם) ........ י. ריכט־קער 52
אוי־ף חרובע וועגן (קאַפיטל 2, המשך) ........ משה דאָמב 56
אַ ב־סל שלום־עליכמדיקס (אַ סך־הכל פונם שלום־עליכם־יאָר) ........ אייזיק גאָלדבערג 59
לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 64
יידישע ליטעראַר־שע שבת נאָכמיטאָגס ........ 64

## געדענקט דעם שמחת-תורה באַל
## זונטיק, דעם 25־סטן אָקטאָבער

פרייז 2 שילינג

אַבאָנאָמענט־פרייז :—26 שילינג פאַר אַ יאָר

אין אויסלאַנד :—8 דאָלאַר אַ יאָר

אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע :—

"LOSHN UN LEBN," 17 DELAMARE BUILDINGS,
COLLINGWOOD STREET, LONDON, E.1. ENGLAND

*Published and Edited by* A. N. STENCL, *17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*



### צו מ. באומ׳ס ערנאוונט

צום ערנאָוונט פונם גוט־באַקאַנטן אַקטיאָר מ. באום, ווערט אויפגעפירט „נחת פון קינדער" ; עס באַטייליקט זיך אינם שפילן חנהלע צעלני־קער מיט דער גאַנצען קאָמפּאַניע — אויפגעפירט פון מאַקס באום.

אַז אַן אַקטיאָר, ווי מאַקס באום „אַרבעט־אָן" אַ סע־זאָן אין יידישע טעאַטער, גיט אַוועק זיין טאַלענט און די כוחות, אַ גאַנץ יאָר, וואָך פאַרוואָך אין פאַר־שידנאַרטיקע ראָלן, איז נישט מער ווי רעכט אים צו באַערן אין טאָג פון זיין יום־טוב.

## לאנדאנער קולטור ידיעות

צו דער צווייטער יאָרצייט פון שלום אַש האָט דער ייוו״אָ געמאַכט אַן הזכרה. עס האָבן גערעדט דר. י. מ־יטליס, יוסף לעפּט־וויטש מ־ט לייענען פון אַש׳ס ווערק האָבן זיך באַט־יליקט יידל גאָלדבערג און דוד קאָסאָף. פאָרזיץ יואל צאַנג.

אין טאָג פון שלום אַש׳ס יאָרצ־־ט, דעם 10׳טן יולי, האָט „פריינט פון יידיש לשון" געלייגט בלומען אויפן קבר פון גרויסן יידישן שר־יבער. דער שבת, דעם 11׳טן יולי איז דער שבת־נאָכמיטאָג געווען געווי־דמעט דעם שאַפן פון אַש׳ן.

דער גענעראַל סעקרעטאַר ביים יידישן אַרבעטער־רינג, שלמה לעווער, איז אויף אַ ברוטאַלן אופן אומגעקומען פון רוצחים, וואָס האָבן אויסגערויבט פון דער קאַסע 8000 פונט. מיר דריקן אויס אונזער ט־פן מיטלייד צו דער משפחה פונם נפטר.

אויף זיין דורכרייזע פון נוי־יאָרק קיין ישראל האָט ביאַלין געוויילט אייניקע טעג אין לאָנדאָן און געהאַלטן אַ רעפעראַט ביי „די שבת נאָכמיטאָגס" איבער אַמעריקע.

ייסף לעווטווי־טש, וואָס איז געווען אַ לענגערע נסיעה אין פוילן, האָט אויך באַ־זוכט קוטנע און געווען אין „דאָם אַש".

משה דאָמב האָט ביי די שבת נאָכמ־טאָגס פאָרגל־ייענט דאָס ערשטע קאַפּ־טל פון א ראָמאַן, וועלכן האָט איצט אָנגעהויבן צו שרייבן.

א. מ. קייזער איז צוריק־געקומען פון אַ נסיעה אין א־טאַליע.

אַ הויץ די אַפּיצ־עלע דעליגאַטן כמעט פון ראָמאַן, וועלכן האָט אָנגעהויבן שרייבן.

אַלע לאָנדאָנער אָרגאַניזאַציעס פאָרן אויך צום קאָנגרעס־קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם ד־ פאָלגנדיקע ייד־שע שרייבער : דר. א. שטי־נבערג, יוסף פרענקל, ש. גאָלדשמ־ט, י. ל. פיין, י. ח. קלינגער און דר. ש. לעווענ־בערג.

א־ן דער „לעבעדיקע צייט־נג" פאַרגאַנגע־נעם חודש איינגעאָרדנט פון „ייד־שן וועלט קאָנגרעס, אין אדלער־הויז, האָבן זיך באַטיי־ליקט : י. ריכטיקער, יוסף פרענקל, שלמה אוי־ערבאַך ; דעם פאָרזיץ האָט געפ־רט ש. ל. האַרענדאָרף.

# לשנה טובה תכתבו

די רעדאַקציע „לשון און לעבן" ווינשט אירע מיטאַרבעטער, לייענער און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

יהודה ביעטש, פרוי און טאָכטער, ווינטשן זייער משפחה ברידער און שוועסטער, פריינט און באקאנטע, בכל מקום שהם, א שנת חיים ושלום און א כתיבה וחתימה טובה.

מנשה ווייסגראס און פאמיליע ווינשט זיין פאמיליע, פריינט און בעקאנטע א געזונט און גוט יאר.

נ. רובין און פאמיליע ווינשן זייער משפּחה און פריינט פון יידיש לשון שוישפּילער פון גראנד־פאלעיי־טעאַטער און באזינדער מאַרק מאַרקאָוו און עטאַ טאָפּל, אין סאדערן ראָדישיאַ, אַ כתיבה וחתימה טובה.

דער קאָמיטעט פון „פריינט פון יידיש לשון" ווינטשט זיינע מיטגלידער אַ כתיבה וחתימה טובה.

די ברידער נאָראָדיצקי בר כוכבא און כרמל, פון פאַרלאַג און דרוקעריי „די נאַראָד פרעס" ווינטשן אַ כתיבה וחתימה טובה זייער מוטער אין ישראל און זייער קרובים און פריינט, אָנגעשטעלטע און קליענטן.

עמנואל געלער, פרוי און טאָכטער ווינטשן אַ גוט יאָר זייער משפחה און פריינט.

מר. אנד מרס. יעקב סערעס ווינטשן זייער פאַמיליע און פריינט פול געזונט און גליק צום נייעם יאָר תש"כ.

שלמה ראָזענפאָרב ווינטשט קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

מיכאל לידור און פרוי ווינטשן זיירע עלטערן און שוועסטערן אין לאנדאן און אין ישראל און אַלע קרובים און פריינט אַ כתיבה וחתימה טובה.

כ'ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה מיינע פריינט שטענצל און זיין פלימעניק, דעם ליבן פריינט י. ביעטש און זיין משפחה, משה דאָמב.

מאָריס מינדעל און פרוי ווינטשן אַ גוט געזונט יאָר זייער משפחה און זייערע פריינט.

נחום שטענצל, פרוי און טאָכטער און א. נ. שטענצל ווינטשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר, אַ כתיבה וחתימה טובה.

ש. זאָלקין און פרוי ווינשן זייערע קרובים און פריינט אַ גוט יאָר.

יהושע פאדרא ווינטשט זיינע פריינט און באַקאַנטע אַ לשנה טובה.

יעקב און בתיה ריכטיגער ווינטשן זייערע קרובים און פריינד א כתיבה וחתימה טובה.

יוסף הלל בינענפעלד ווינשט זיינע טעכטער, איידעמס, אייניקלעך, מחותנים אין פראַנקרייך און די יינגסטע טאָכטער, איידעמס, אייניקל און קאנאדא אין די גאנצע משפחה אין מדינת ישראל און כל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה צום נייעם יאָר תש"כ.

מרס. לילי פרידמאן ווינשט דער פאמיליע און אלע גוטע פריינט און בעקאנטע א גוט געזונט יאר.

אברהם שפיגלמאַן און פרוי, ווינטשן זייער קינדער אין ענגלאַנד און אין אַמעריקע, זייערע אייניקלעך און אוראייניקלעך און אַלע זייערע קרובים און פריינט אַסך גוטע געזונטע יאָרן.

צו אלע אונזערע פריינט — א „שנת חיים ושלום" — א. מ. קייזער און פאמיליע.

שמואל מאקאטאוו ווינשט אלע חברים און פריינט א שנה טובה.

יודל גאלדבערג, פרוי און טאכטער ווינטשן די גאנצע משפחה, פריינט און באקאנטע א גוט יאר.

שלמה יאַקובאָוויטש, פרוי און קינדער ווינטשן זייער משפחה, פריינט און אַלע יידן אַ גוט יאָר.

מארי ביעטש, פרוי און זון, ווינטשן זייער משפחה, קרובים און פריינט, בכל מקום שהם, און „פריינט פון יידיש לשון" א גוט און גליקליך יאר. און א כתיבה וחתימה טובה.

די פאָרזיצערין פון וויצ"א, רבקה פערסט, ווינטש אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע מיטגלידער פון וויצ"א, פריינט פון יידיש לשון אַלע יידן אין ישראל און אומעטום.

לשנה טובה פריינט פון אידיש. מרס. ב. כהן — 56 ארלינגטאָן לאָדש.

סיידי שעני פון 463 קאמערשל רויד א.1.א., ווינטשט איר ברודער, און פאמיליע און אלע פריינד א גוט און גליקלעך יאר.

גדליה און מלכה ליכטענשטיין ווינטשן זיירע שוועסטער און ברודער, קינדער און דאס ליבע אייניקל, פריינד און גאנצע משפחה אַ רואיק און גליקלעך יאָר.


# לשון און לעבן

חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 9־10 (העפט 7־336) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג סעפּ.־אָקט. 1959 לאָנדאָן


## א שטיקל סך־הכל פון קליינלעכע חשבונות

כדי צו קענען ציען נאָך דעם שטריך אונטער דער רעכענונג, נישט שוין דורך דער רעכענונג, מוז מען דעם סך־הכל צום שנת תש"כ שוין שרייבן מיט אַסטראָנאָמישע ציפערן; מיט גרויסע לבנה־אותיות מוז די לעצטע סך־הכל שורה קאַלקולירט ווערן און מאַטעמאַטיש אויסגעפאָרמולט.

עס איז געקומען דער לעצטער טערמין אין דעם „ועל מדינות בו יאמר"! דער חשבון וועט נישט שטימען אויב די פעלקער וועלן נישט איינשטימען צווישן זיך. עס מוז קומען אַן איבערקערעניש אין די מוחות און אין די הערצער און אינם גאַנצן סדר־העולם, אַז אונזער גאַנצער גלגל־העולם זאָל זיך נישט אַן איבערקער טון; עס מוז קומען אַן אמתער חשבון־הנפש איבער די מענשן אַז מען זאָל קענען אויפמישן אַ ניי בלאַט אין דעם ספר החיים פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

אויך אונזערע יוצרות זיינען שוין אַזוי צעמישט, אַז מיר מוזן גוט זוכן — ווי דעם „טל־מטר" אין אַ קליין סידורל! — כדי מיר זאָלן זיך קענען צוריקגעפינען —

אַלץ איז שוין אַזוי הויך פאַרשריבן און די ציפערן קונציק פאַרציקט און במזיד פאַרדרייט, כדי מען זאָל קיין טאָלק נישט אַרויסגעפינען; דער פּראָסטער בשר־ודם קוקט אינם „יושבי חושך וצלמות" ווי אַ האָן אין „בני אדם", ער פּאַטשט מיט די פליגל, ער צעשרייט זיך יאָמערלעך ביז ער ווערט די כפרה —

ווער קאָן זיך נאָך אויס אין „די גרויסע וועלט", ווו מען לעבט אויף גרויסן פוס פונם בלוט פון איש־תם און אלמנות און יתומים — — — — — —

„השמים שמים לד'", זאָל זיך שוין גאָט אַליין אויף אַלע מענטשן און אויף זיין יידיש פאָלק מרחם זיין, און מיר וועלן זיך אַראָפּלאָזן אין אונזער קליינעם עולם־התוהו־וועלטל און צו אונזער „צעטל קטן"; מיר וועלן נישט, חלילה, נעמען זאָגן דעם גרויסן, „תפילת־זכאי", צי אויסקלאַפּן דעם גאַנצן על־חטא, נאָר עפּעס אַזוי, פון יוצא־וועגן:

אַ וואונדער, אַז די געמישטע „קאָפּעלס" מערן זיך דאָ איצט, און זיינען זיך אַזוי פרה־ורבה, אז דאָס גאַנצע יידישקייט באַשטייט כמעט פון פאַפּירענע קאָפּלעך.

אַ וואונדער אַז אין דעם געראָיע פון „עדיקיישנס"־און קולטור־קאָמיסיעס און געזעלשאַפטן און די יודאַאיסטישע־און פאַרטיי־בלעטלעך וואַקסט נישט די גערעטעניש־בהלה נאָך גרעסער ביי דעם רעגן פון אָפּפאַרטיק געלדער וואָס מען טיילט זיך איין אויף לינקס און רעכטס.

אַז אַ יידיש וואָכן־בלעטל האַלט זיך נאָך אויף הינערשע פיסלעך, געהער עס זיכער צום וואונדער פון די עשרה נסים וואָס ווערן בעשאַפן ערב־שבת בין השמשות.

און אַז אונזער העפטל גייט שוין אַריין דעם ערב־ראש־השנה אין 20'סטן יאָר גאַנג, צי איז דאָס נישט אַ גאָטס וואונדער?

ס'איז אונז אויך אַ גרויס וואונדער, פאַרוואָס צווישן אונזער געזעלשאַפט־

לעכע און קולטור מענטשן — איינציקע גרינדגעפעסטיקטע אין אונזער ישוב מיט דער דעה און מיט דער מטבע — — אַז ס׳געפינען זיך נישט אַקטיווע טוער וואָס זאָלן גרינדן אַ יידישע טאָג צייטונג, אַ ליטעראַריש „פעריאָדיקל“, כאָטש אַ יאָר־בוך, ווו לאַנדאָנער פּראָפעסיאָנעלע שרייבער זאָלן כאָטש קאָנען פאַרדינען וואַסער אויף קאַשע — מיר וואַרטן נאָך אַז אליהו זאָל קומען און פאַרענטפערן די האַרבע קשיה, און אַראָפּנעמען די שווערע שאַנד פון אַ שטאָט פון איבער 300,000 יידן כן ירבו.

אַ ווונדער אַז יידישקייט דערגרייכט שוין אונטער נול, אַז אַ רבנישער פּוסק פּסקנט אָפּ בפרהסיה, צווישן אַ בציבור פון לויטער יידיש־ריידנדיקע, אַז יידיש איז אַ פרעמדע שפּראַך? מיט עפּעס אנדערש האָט שוין אַזאַ מעלה גירהדיקער מלווה־מלכה־מגיד נישט מחזק צו זיין דעם יידישן דת.

באמת ווונדער איבער וונדער, אַז מען זאָגט נאָך כל־נדרי ביים „כל־נדרי־אַפּיל“ און מען האָט נישט קיין מורא אַז די רעלידזשן־שטימונג וועט שאַטן חלילה צום „אפּיל“...

אַ נומלט האָט מען, אין גרענד־פּאַליי־טעאַטער, (וואָס עס טוט זיך אין די מערפער־האָטעלס“ ביי די „קאָקטעלס“ ליגט אונז אין דער לינקער פיאה...) ביי אַ הסתדרות־אַפּיל אויפגעפירט „יאַנקל דער שמיד“. נאַטירלעך האָט מען ביי דער אויפפירונג געשפּיקעוועט אין „ענגאַליש“ פאַר דעם „100־פּראָצענט“ יידיש ריידנדיקן עולם. פרעגנדיק דעם אָנפירער, פאַרוואָס דערמאָנט מען נישט כאָטש, אַז עס איז איצט די שלושים פון דעם גרויסן נפטר, דוד פּינסקי, דעם שרייבער פון „יאַנקל דער שמיד“, ענטפערט מען מיר גאַנץ זאַכלעך: „עס קאָן שאַטן צום אַפּיל...“

אַזוי ווייט, אַז כ׳זאָל קאָנען פאַרשטיין אַזאַ הינטער־קוליסן פּאָליטיק פון הסתדרות, אַזויפיל „היברו־עדיקיישן“ האָב איך נישט.

ווונדער אייך נישט, אַז אויף צעפּיקעניש פון די אַלע קולטור־געזעלשאַפטלעכע קונסט־מבינים, און יהודימשע אייזערנע־פאַרהאַנג ציער, וועלן מיר דאָך נאָך האָבן אַ יידיש־טעאַטער אין קומענדיקן סעזאָן; וואָרים „מיום כפורים זה ער יום הכפורים הבא עלינו לטובה“, ווו די רוב שולן זיינען אַ גאַנץ יאָר כמעט ליידיק, מוז מען דאָך האָבן אַ שטיקל בינע צו קענען מאַכן די אַפּילס“ און די הינער־„אוקשנס“.

ביי דעם „טריאָטער“ וואָס אַ פאָלק מאַכט פון זיך, די אַסימילאַציע פון איין זייט, און די גרויס־פּאָליטישנס“ פון דער אַנדערער זייט איז באמת נאָך אַ גרויס ווונדער אַז „ישראל בין האומות“ האַלט זיך נאָך ווו עס איז — גרויסע הייליקע כוחות מוזן שטעקן אין אונזער פאָלק, אַז דאָס צינגל פון דער וואָגשאָל האַלט זיך נאָך אַזוי אין צאַפּלדיקן משקולת.

יאָ אין מענדעלעס צייטן איז געווען „כל־ישראל איין טאָרבע“, היינט איז עס שוין איין געלעכערטער זאַק, נאָך גוט וואָס עס ראָיעט נאָך אויף דער יידישער גאַס מיט כלי קודש און אָפּישעלס יאַק־מאַק, פאַרשטעקט איינער מיטן צווייטן דאָס לאָך.

„מיט תורה מיט חכמה און מיט געפּוצטע שטיוול“ איז מען נאָך דערגאַנגען צו אַ טאָלק, אָבער מיט שטיוול־פּוצער ווי ווייט קאָן מען דערגיין?

זאָלן נאָך ווייטער געצויגן ווערן די „זיבן ווונדער“ פון אונזער וועלטל? קאָן מען ווייטער קומען מיט קליינלעכע חשבונות? בעסער, זאָל גאָט האַלטן איבער אונז זיין בענטשנדיקע האַנט. זאָל אַ ברכה און הצלחה און גרויס שפע אריינקומען אין דעם ביסל גוטס, וואָס ווערט דאָך געטון פון יעדער סעקטע, פאַרטיי און געזעלשאַפט, יעדע לויט איר ווונטש, טואונג און אופן. דאָס איז אפנים דער טיפער „על דעת המקום ועל דעת הקהל“־געדאַנק וואָס



דריקט זיך אויס אין אַזעלכע טרוקענע פאָרמולעס און דאָס גאַנצע פאָלק פאַסט עס דווקא אויף אין אַזאַ געהייליקטער דבקות־שטימונג.

* * *

און צו די גרויסע געשעעניש איצט אין דער גרויסער וועלט: די פעלקער־פאַרברידערונג כרושטשאָוו־אייזנהאַוער, די וואַלען אין ענגלאַנד און דאָס נעמלכע אין ישראל, צום „שער“־שווינדל מיט וועלכן ס׳זיינען פול אַלע צייטונגען, און צום 20 יאָר יובל פון „לשון און לעבן“, פון וועלכן עס שווינדלט מיר שוין פאַר די אויגן, מוז איך מיך ליידער באַגניגענען מיט די דריי גראַמען;

ס׳האָט דאָך די אַטאָם־באָמבע נישט אויפגעפּלאַצט,
און עס גייט נאָך אַלץ אַרויס דאָס „העפטל“,
מילא האָט דאָרטן עפּעס אויפגעריסן,
אַ יידיש שפּעקולאַנטן געשעפטל.

בלויז ביי וואלן צו געווינען אַ מערהייט,
זיך צו באַניצן מיט דעם שווינדעלע — —
טאָ ליגן נאָך ביידע, דעמאָ און סאָצי,
געצווילינגט אין איין שמוציק ווינדעלע.

און אונזער מדינה, דאָס קטנטשיקל,
איז זיך אויך נישט קיין טשיפּע זיבעלע,
אָ, עס שניידט זיך ביי דער כלפה ביז טרערן,
ווי ביי שניידן אַ שאַרפינק ציבעלע.

## פאַרעם רעפאָרם און אוניפאָרעם

דאָס פּראָבלעם וואָס האָט זיך לעצטנס אַזוי שולחן־ערוכדיק צעלייגט אויף טישן און אויף בענק: „וואָס איז אַ ייד?“ הייבט זיך שוין אָן מיטן ערשט סעיף אינם „אור־החיים“, איז שוין אָפּגעחומרה׳ט געוואָרן ביים חפץ־חיים, און אָפּגעחומלט ביי ראַבּיי מייקל; איך זאָג נישט קיין להבדיל, ווייל ער איז אויך אַ ייד. אָבער ווער ס׳איז באמת אַ ייד, ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל, דער „מלך החפץ בחיים“.

דאָ ווילט זיך בלויז באַרירן, וואָס איז אַזיינס יידישקייט, און דאָס אויך נאָר, אויפן שפּיץ פען.

דת און קולטור. רעליגע און קונסט זיינען די שתים שהן ארבע — די אבות און די תולדות פון אַ פאָלק! איינס איז פאַרבינדן מיטן אַנדערן, ווי די קנויט מיטן פלאַם; איינס באַלויכט דאָס אַנדערע, דערהויבט און דערהויכט. דאָס טיפע פון דער רעליגיע, ווערט דאָס האַרץ פון דער קונסט, און דאָס געזונטע פון דער קולטור ווערט דער לעבנס־נערוו פונם דת. און וואָס איז דען אַזוינס אונזער גרויסער תנ״ך, אויב נישט דער סך־הכל פון אַלע מינים שרייבערישע פאָרמען ביי וויגעלע פונם מענטשלעכן באַשאַף. אפילו די ריינע ליבע ליריק, „שיר־השירים“, האָט מען געמוזט אַריינגעמען! און ווי איז עס דערהויכט און

דערהויבן געוואָרן ביז, כביכול, צו דער שכינה הקדושה אַליין — און ווי ערשט דאָס רעליגעזע יידישע האַרץ!

און להבדיל די קאַטאָלישע קירכע, וואָס וואָלט זי געווען אָן גרעקאָ, לעאָנאַרדאָ און ראַפאַעל, און די פּראָטעסטאַנטישע אָן באַך, הענדל, מענדעלסאָן? און וואָס וועט זיך דען אויסלאָזן פון דער יידישער רעפאָרעם סינאַגאָגע, אויב דעם ראַביים, קולטור וועט נאָר זיין שעקספּיר, נישט פּרץ, מענדעלע, שלום עליכם — ס׳רוב פון די קינדער פון די מתפללים וועלן שוין נישט דערצויגן ווערן אין יידישן דת.

פון גייסטיקן־עיגול: אמונה און מסורה, קולטור און קונסט, וועלן מיר זיך שוין נישט אַרייסדרייען, מיר שטעקן שוין אין די העכסטע פאָרמען פון אַלע צווייגן פון דער אייראָפּעאישער קולטור, מיט אַ שאַגאַל, אַ בלאָך, אַ שלמה מיכאלס. שוין נישט צו ריידן פון די עקזאַקטע וויסנשאַפטן!

אין וויפיל גילגולים שוין די התגלות פון תנ״ך: די איסלאַמיש־אַזיאַטישע חקירה, די קריסטלעך אייראָפּעאישע־קולטור און איצט די מאַרקסיסטיש־גלאָבאַלע — —

אָבער אַ שעפערישער אַקט איז איינמאָליק. א לעבעדיקע גאַנצקייט. וויברירנדיק אין זיין יעדן טיילכל. גאַנצע פאָרעם איז אומפאַרענדערלעך, איז אַ שלימותדיקע איינהייט; קאָן נישט אויפהערן, אָדער צעבראָכן ווערן, די לעצטע שערבעלעך זיינען תחית־המתימדיקע אויגן — אויב די וויזיע פון אַ פאָלק לעבט איבער אַ פאָלק, לעבט עס איבערן פאָלק.

דאָס גרויסע געפאָר/עמטע, די אינערלעכקייט וואָס ווערט אָביעקטיוויזירט, ווי צעבראָכן עס זאָל נישט ווערן, און חורבות שוין באַגראָבן, ווערט עס אַ טאָרזאָ, וואָס יעדעס טיילכל פון זיין צעבראָכנקייט ווערט די גאַנצקייט — יעדעס געטאָקטע טיילכל פון אַן אַפּאָלאָ איז אַ שיינקייט פאַר זיך

אַן אַרויסגעריסענעם פערז פון אַ ליד, אַ זאַץ פון א דערציילונג, אז מען דערקענט דעם שעפער דערפון דאָס איז זיין אומשטערבלעכקייט. און צי דערקענט מען דען נישט אַ גאַמע פון בעטהאָוון, אַ ליכט־און שאָטן־פלעק פון רעמבראַנד?

ווען די שעפערישקייט ענטפּלעקט זיך אין איר שלמתדיקייט, איז קיין פראַגע נישט פון פאָרעם און תוך — עס איז איין לעבעדיקע גאַנצקייט. פונם צעשטרעקטן הויך צום הימל און פאַרוואָרצלטן טיף אין דער ערד, צייטיקט די זאַפטיקע פרי און זי טראָגט אין זיך די זשאַרנעס פאַרן ווייטן המשך.

דאָס איז די התגלות פון אַ פאָלק, וואָס ווערט טראַדיציע און פאָלקלאָר — פון זיינע מלבושים־טראַכטן ביז זיין גאוניש טראַכטן, פון זיינע מאכלים ביז זיין הלום־חזיון — איין ציטערדיקער ניגון אין טויזנטער פאַלן, ווי אַ לויפנדיקער וואַסער־פאַל — „משה קבל תורה מסיני ומסרה ליהושע“, ביז „כל מה שתלמיד ותיק עתיד לחדש“.

רעפאָרם איז סקטאַנטישקייט, רעפאָרם איז קולטווירן פאַר הויז־געברויך; נעמען אַזאַ זשאַרנע, געפאַלן פונם עץ־החיים, און זי איינפלאַנצן נישט אינם לעבעדיקן אַרום — מאַכן דערפון אַ טאָפּ־פלאַנץ, פאַר פענסטער אַרויס צושטעלן, איבערפלאַנצן אַן עקזאָטישע פרי אונטער גלאָז; זי ווערט אָפגעריסן פונם שעפערישן אַרום, — אויפצוגיין, ווי ווילד זי זאָל נישט זיין, אַרויסצוואַקסן מיט אַלע אירע דערנער אַ „שושנה בין החוחים“,—נאָר זי ווערט אַ בלאַס פלאַנצל, וואָס האָט מורא פאַר דער זון און שטאַרבט אין שאָטן.

יעדע קלאַסישע פאַרעם האָט איר קלאַסיציזם! אין תוך איז איינס אָן אַנדערן מענטשלעך נישט מעגלעך; די שרעק פאַרן טויט, — בעסער געזאָגט פאַרן קורצן לעבן! — איז די סיבה; דער אומבאַוווסטער, שעפערישער סיבה־



והמסובב! די מורא פאַרן אומבאַוווסטן, פאַרן פאַרענדערט ווערן.

יעדע רעליגיע האָט איר רעפאָרם, יעדע קלאַסיק איר קלאַסיציזם — יעדער שבכתב זיין שבעל פה!

יעדע עפּאָכע האָט איר התגלות — די אַקומולאַציע פון דורות ווערט נתגלה! — אָבער אויך איר אוניפאָרעם; די באַשיצנדיקע פּראָטאָפּלאַזמע אַרום לעבנס קעמערל — זי דערדריקט עס און באַשיצט עס! דער אָנגעגורטער סאָלדאַט וואָס שטייט וואַך פאַרן מאַיעסטעט.

עס איז פאַראַן נאָך ביליגערעס — אימיטאַציע! אָבער אפילו דאָס נאָכמאַכן, איז דאָס עדות־זאָגן, אז אין קעניגלעכן שאַצקאַמער זיינען פאַראַן די אבנים טובות, דער בת־מלכה׳ס זיבן שנירעלעך ירושה־פּערל. אַלץ אָפּגעלאַנץ דערפון וויל כאָטש דאָס פאָלק טראָגן ביליקע בראָשן און פּאַטשערקעס.

אַזוי דער געראַנגל פון די נביאים מיט די עגל׳ס און פסלים; אַזוי די חוקרים אין דער צייט פון סכאָלאַסטיק; אַזוי השכלה און חסידות, ביז צו אונזער עפּאָכע. עס וואָלט זיך חלילה אויסגעלאָזט טאָטאַלע אַסימילאַציע — גאויאישע ביליגע אימיגראַציע — און מיט פאַרגרעבטע רבישע־הייף — אַ סאָלדאַטסקע אין שטריימל און אין לאַסטינקע קאַפּאָטע! — ווען נישט דאָס לעצטע יאָר הונדערט מיט אונזער מאָדערנע יידישע קונסט און קולטור.

וואָס איז דין אונזעם גאַנצע יידישע קונסט אויב נישט אויפצוכאַפּן די תנועה, דעם קלאַנג פון אַן עכטן יידן; די אַרויסגעהאָנגענע פּאַטשעלע פון זיין קעשענע צומאָל, אויפצוכאַפּן מיט יעדן קנייטש. דאָס מינדסטע יידישע פאָלקס ליד איז מסיני; וואָרים אויב עס האָט נישט יידישע טראַדיציע אין זיך, איז עס נישט יידישע קונסט, איז עס גוואשע אימיטאַציע.

און אַזוי קרייזט איינס אין אַנדערן אין אַ בלוט־קרייז פון יידישקייט, און מאַכט געזונט איינס דאָס אַנדערע און דערהויבט און דערהייכט.

אויב דעם ווילנער רב׳ס־באָרד איז נישט עכטער ווי דעם אַקטיאָרס אויף דער בינע, לויפט דער עולם זעען „קוני לעמל“, נישט הערן זיין דרשה. אויב דער שפת־אמת קאָן זיך נישט פאַרטיפן „אויב נישט נאָך העכער“, פּירט פּרץ, טיש אין וואַרשע!

דאָס־אָ, איז אונזער גרויסע יידישקייט־ירושה פונם מזרח־יודנטום — א שעפערישע איינהייט, אַ סיבה־ומסובה פון דת און קולטור, פון קונסט און אמונה!

איך ווייס נישט וויפיל שעפערישע הלכה און חסידישע פילאָסאָפיע עס ווערט נאָך איצט מחדש געווען אין דער יידישער וועלט; אויב עס איז נישט שוין אַלץ אוניפאָרעם און אימיטאַציע; אַ כשר געמעלה־גירה, ווו מ׳זאָגט נישט אפילו אַ „בשם אמרו“... אָבער דאָס ווייס איך אַז איבערן גאַנצן גלגל־האַרץ, ממש אין אַלע פינף וועלט־טיילן, פאַרעמט זיך נאָך דאָס יידישע וואָרט אין טויזנט צעבראָכענע הערצער צו איין גאַנצקייט, און אויב אונזער פאָלק האָט נאָך אַ זכות הקיום וועט עס זיך דערקיילען צום אור־אינסטינקט פון זיינע עכטע געפילן.

עס גענוגט אונז נישט אַז אַ ראַביי זאָל זיך קומען לערנען פאַרשניידן אַ בערדל צו אַ מעלאָ־דראַמאַ, און אַן אָפּערעטן־זינגער זאָל ימים נוראים זיין דער שליח־ציבור.

אינם „נצח ישראל“ צווייפלט קיינער נישט, דער מינדסטער ייד נישט — ער שפירט עס אין בלוט! אונזערע בלוטיקע שונאים ווייסן דאָס אפילו.

אַזוי פאַרוואָרצלט זיינען מיר אינם גאַנצן ערד־קיילעך, איז ווי אַזוי קאָנען מיר אויפהערן, אַז אפילו ווען דער פלאַנעט זאָל, חלילה צעפּלאַצט ווערן, וועלן מיר פאַרפלאַנצט ווערן אויף אַן אַנדערן — „כי מעולם ועד עולם אתה אל“.

## א תפילה פאַר תש״כ

אַראָפּגעפאַלן פון עץ־החיים
דער צייטיקער עפּל, אונטערגעביסן;
אינעווייניק, טאָטשעט אים דאָס שלענגל,
ווי טיף אין אַ האַרץ אַ קרענקלעך געוויסן.

ווי ווערעמדיק ס׳איז געוואָרן דער מענטש,
צומאָל ווען ער קניט אין זיינע געבעטן!
אַ וואָרעם אונטער אַ שווערן שטיוול,
דרייט זיך שוין די ערד צו ווערן צעטרעטן.

אונזער גאַנץ קענען ס׳קאָן אונז נישט העלפן,
און צומאָל ווען מיר וויסן דאָס אפילו...
אָ, „אנוכי תלעת ולא איש״ — —
קענען פאַלן אַזוי פאַר גאָט אין תפילה.

## י ז כ ו ר

ביים „וידעו כל פעול כי אתה פועלתו״,
די טאַטעס די אויגן צום הימל אויפגעהויבן,
און פון זייערע תחינות אַרויס, אינמיטן זאָגן,
די מאַמעס זיך צעיאָמערט אין דער ווייבער־שול אויבן,
זיינען מיר אויפן שול־הויף אינמיטן „פערפאַסטן״,
געבליבן שטיין מיט אָפענע מיילער פול מיט גלויבן.

נישט דעם חזן אין טלית און קיטל ביים עמוד —
גאָט מען האָט דערזען און יצחקן אויף דער עקידה!
ווי ווויל איז עס דעמלט געווען יענעם ייִנגעלע,
וואָס האָט נאָך געהאַט מיט גוטינקע אויגן אַ זיידע
זיך צו ראַטעווען אין זיינע ציטערדיקע הענט — —
אין זייער שרעק ווי האָבן זיי זיך געטוליעט ביידע —

דערהערט דעם „ועל תשלח ידך אל הנער״ —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
ווו איז זי אַצינד יענע הייליקע קדושים עדה?



## נ ע י ל ה

ליזויקן צום געזונט און צום לעבן

גאָט אַליין פון הימל אַראָפּגעקומען, —
זיך אַנידערגעשטעלט דאַוונען ביים „ברעטל״,
און אַרום אין קיטלען און טליתים,
שטייען מלאכים — די יידן פונם שטעטל.

פון זיין משפט־שטול גאָט אַראָפּגעגאַנגען,
די מתפללים דאַוונען דאָ צו הערן:
„פתח לנו שער בעת נעילת־שער״ — —
אַז פול מיט רחמים זיין האַרץ זאָל קענען ווערן.

## „בשובך לציון״

(פאַר מיין פלימעניק, הרב יונה שטענצעל שליט״א, אין תל־אביב)

אז איין וואַסער־טראָפּ לעכערט דעם פעלדזן־שטיין,
ערשט אַזויפיל מיליאָנען הייסע טרערן — —
ווי האָט מיין האַרץ געוויינט פון טרייסט און פון צער,
ווען דעם ישראל־אויפמאַרש איך האָב געזען,
אַ געפאַנצערטן אַזוי אין די געווערן.

און אפשר, אַז דער „באחרית הימים״,
אויף אַן אמת ער זאָל מקוים ווערן,
מוז צוערשט טאַקע אַזויפיל געווער זיין,
כדי וואָס מער אַקער צו קענען מאַכן?
אַז מיר זאָלן אין ציון צוריקקערן.

נישט בלויז גאָט אונדזערע תפילות — דער שונא,
די כלי־זיין שיסן מוז צוערשט הערן?...

## קידוש לבנה

שאָקלט זיך אַ ייד: „כשם שאני רוקד...
כך לא יכלו כל אויבי לנגוע בי לרעה״.
און איצט, אַז זיי האָבן זי געטון אָנרירן,
אונז שלעכטס טון, חלילה, געקומען ווידער די שעה?

זיין האַרץ איז צעטאַנצט מיט אַזאַ שלום־גלויבן,
ער קוקט אויף דער לבנה, זיין פנים ווי אירס שיינט:
אַז די שנאה פון מענטש צו מענטש וועט אויפהערן,
היינט, וויאַזויזשע נאָך, מורא האָבן פאַר אַ פיינט?

אויב שלום וועט הערשן צווישן אַלע מענטשן,
איז ווער וועם זאָל וועלן שלעכטס טון, צי גאָר טראַכטן בייז?
„שלום עליכם" פליט זיין האַרץ אַ ראַקעט צו גאָט!
אַ רקוד אַרום ייִד טאַנצט, ליכטיק, אַ לבנה־קרייז.

## מוצאי יום כיפור באַלאַדע

(צום 200־יאָר פון בעל־שם טוב)

בשנת תק"כ מוצאי־יום־כפור אויף דער נאַכט,
דער בעל־שם געוווסט, ס'וועט היי־יאָר געשען:
סוכה־סלופּ אין דער ערד אַריינגעשלאָגן —
דעם קברן אַ קבר גראָבן גאָר געזען!

„הרי אני כפרת כל ישראל,
גאָט, אַזוי־אָ צו מיין מיתה איך גענען".
האָבן זיינע ליפּן אין באָרד געסודעט,
ווען ער האָט פון דער כפרה טועם געווען.

„און אַצינד, אַז עס איז כולו זכאי
וועט דאָך די גאולה שלימה שוין מוזן זיין".
אַלע בליקן הענגען אויף זיינע ליפּן,
זיי זעען ממש, ער רעדט מיט גאָט אַליין.

ס'בייגן די תלמידים די קעפּ צו אים צו,
אַ תנועה אויפצוכאַפּן, אַ וואָרט פאַרשטיין:
„אַ קונץ, וראשו מגיע השמימה —
„אויף הינער־לייטערס צו גאָט קענען דערגיין".

„עוף השמים יוליכו את הקול",
ווי דבקותדיק די חדוה־אויגן פאַרמאַכט;
ס'תורה־זאָגן מיט אַזאַ שכינה־פרייד —
אַ לאַך־טויב פלאַטערט איבער די קעפּ און לאַכט.

איבער קריאת הגבר, אין טאָג אַריין,
ס'טאַנצן אין יענעם מוצאי־יום־כיפור ביינאַכט;
אַ מלאך, באַפליגלט, אין ראָד ער בלייבט שטיין,
ווען די ברכה „לשכוי בינה" געמאַכט.



דוד פּינסקי

## ערב יום כפור

ערב יום כפור, ארום האלבן טאג.

ר' אליה דער טוך־פאבריקאנט גרייט זיך צו ערלעך פאנאנדערצוצאלן מיט זיינע ארבעטער. לכבוד יום כפור! דער בוכהאלטער מיטן קאסירער מאכן די רעכענונגען און ציילן אויס דאס געלט.

ער וויל זיך אפילו פריינטלעך צעווינטשן מיט זיי. אויפן גרויסן שרייבטיש שטייט א גרויסע פלאש בראנפן, עטלעכע גלעזלעך, עס ליגט אסך אנגעשניטענער לעקעך. ער וויל זיי ווינטשן, אז זיי זאלן נישט דארפן אנקומען צו פרעמדע הענט.

ער גייט ארום אהין און צוריק איבער זיין קאנטאר. ער איז שטארק פארנומען מיט זיינע געדאנקען און דוקא נישט געשעפטס־געדאנקען — ערב יום כפור איז נישט קיין צייט פון געשעפט.

ר' אליה איז א פרומער ייד. גאר אן ספק. אין א לענגלעכן ראק מיט לענגלעכע פיאות, וועלכע זענען פרקעמט צוזאמען מיט די באקן־האר פון זיין גרויסער, ברייטער באָרד. און גלאט ר' אליה!

ער וויל קומען א ריינער צום מארגנדיקן משפט. ער ווייסט אבער, אז די ארבעטער האבן אים שוין נישט איינמאל פארקלאגט ביים „מלך עליון", וויל ער זיך מיט זיי אפטענהן. ער ווייזט זיך אליין אויף, אז ער איז שטענדיק גערעכט געווען: די ארבעטער זענען פשוט „קעשענע־גנבים"! זומער האבן זיי פלוצלונג געמאכט „יד־אחת" און אויפגעהערט צו ארבעטן. א גאנצן חודש: א רציחה!

„שטרייק — שמייק!" טראכט ר' אליה, „שטרייק רופן זיי עס נאך אן! גנבה, גזלה, פון מויל דעם ביסן!... נישט שטרייק — שמייק. וואס פאר א נאמען זיי טראכטן נאך אויס!"...

ער האט געוואלט אראפנעמען א האלבן רובל פון שטיק. ער האט געוואוסט, וואס ער טוט. ער האט דאס געמוזט טון: אים אונטער דער נאז וואקסט אויס א קאנקורענט.

דאס איז אפילו נישט קיין שטארקע טענה, ער פילט עס. דערצו האט ער נישט פינקטלעך געצאלט, געפרואווט אפאר מאל איינדרייען, צושטעלן, פארשרייבן גוטע סחורה פאר שלעכטע און גארנישט באצאלן — נאר ער האט עס געמוזט, גאט איז זיין עדות — געשעפט! ווי זאגט מען עס — אין האנדלשאפט, די גאנצע וועלט טוט אזוי. אבער דער שטרייק!

„און גלאט", מיינט ר' אליה, „זענען די יונגע ארבעטער נישט ווערט וואס די ערד טראגט זיי. גוים, אמתע גוים, קיין איין יידישער פונק איז נישטא אין זיי. עזות־פנימער, נישטא עלטער, ייִנגער — פון גאנצן אויסגעטון".

איין פענסטער פון קאנטאר גייט ארויס צו דער גאס, און ר' אליה זעט ווי אין גאס נעבן טויער הייבן זיך שוין אן צו קלייבן די ארבעטער. זיי מאכן

מיט די קעפּ אין דער זייט פון קאנטאר. אט ׳פאַרגלייזט א יינגער ארבעטער, פון א יאר דריי און צוואנציק, געצל לץ, די אויגן און גיט א ווארף מיט די הענט, ר׳. אליה, ווען ער זידלט אן ארבעטער. די יונגע ארבעטער ארום געצלען צעלאַכן זיך.

ר׳ אליה קערט אפּ די אויגן פון פענסטער ברוגזדיק.

„וועט שוין זיין אמאל א סוף ?״ ווענדט ער זיך אומגעדולדיק צום בוכהאלטער מיטן קאסירער. ער וויל שוין מער אין פענסטער נישט קוקן און וועגן די ארבעטער נישט קלערן. „גארנישטן !״ באשליסט ער אין מח און ווארפט אומגערן זיין בליק אויף דער גאס : געצל שטייט אין דער פאזע, ווי ר׳ אליה, ווען ער וויל איינרעדן אן ארבעטער, אז ער האט ביי אים אפּגענומען מער געלט.

„וואס ציט זיך עס דארטן ביי אייך, ווי פון פעך ?״ שרייט אויס ר׳ אליה צו די קאנטאריסטן.

„ער וועט שוין ביי מיר נישט ארבעטן״, טראכט ער וועגן לץ. „אויסוואורפן זענען דאס עפּעס, אין גם אחד צווישן זיי״.

אים פאלט איין, אז די לייטלעך האבן גאר קיין ווערט נישט ביים כביכול. ער האט גאר לחלוטין נישט וואס מורא צו האבן פאר זייערע טענות.

ער נעמט זיך צום תהלים. איצט וועט ער זיך גאר אינגאנצן איינקויפן ביים רבונו של עולם — — —

2

א מאן זעכציק ארבעטער שטייען אין הויף און אין גאס נעבן טויער, אלע אנגעטון יום־טובדיק — אין ריינע העמדער און אין שבתדיקע מלבושים. נאר די ייִנגלעך, וועלכע דרייען זיך צווישן זיי ארום, זענען אפּגעריסן און כמעט אלע בארוועס.

מען שטייט רעדלעכווייז. אלטע מיט אלטע, יונגע מיט יונגע. מען איז אומגעדולדיק, וואס מען לאזט זיי אזוי לאנג ווארטן. די געשפּרעכן קלעבן זיך עפּעס נישט. די ייִנגלעך הייבן אן צו שפּילן אין „כאפּעניש״, נאר ברוך דער אלטער, דער עלטסטער צווישן די ארבעטער, שרייט אן אויף זיי. „עס איז היינט נישט קיין צייט צו שפּילענישן״, מיינט ער. די קינדער רייסן איבער דאס שפּילן. אין א ווײַלע ארום שלאגן זיי זיך איבער א קנעפּל.

נאר ארום געצל לץ איז נאך אביסל פריילעך. ער זיצט אויף א טומבע נעבן טראטואר, הייבט שטיינער פון דער ערד און צילט אין די פויגל, וועלכע שפּרינגען ארום אינמיטן גאס, אדער אין פארבייגייענדיקע מיידלעך. ער טוט עס לאנגזאם, אן חשק. מען דארף דאך מיט עפּעס די צייט אפּשטופּן. גלאט איז ער איצט אין כעס אויף ר׳ אליהן, גיט ער נאך מיט עפּעס דאס הארץ.

די בחורים ארום אים האבן פארגעניגן, נאר די אלטע ארבעטער, וועלכע שטייען אנגעשפּארט אין טויער, קוקן אויף אים אנגערוקט.

„ביי אים זענען אלע צייטן גלייך״, מורמלען די אלטע.



דער יונגער עולם קוקט געצלען אין מויל אריין : וואס וועט ער אנטפערן ? ער פּילט אויף זיך די בליקן, נאר ער ענטפערט גארנישט, כאטש אין קאפּ דרייען זיך ארום אלערליי ענטפערס. ער האט שיער נישט געזאגט, אז א מיידל געפעלט אים שטענדיק. אבער ער האט עס נישט געזאגט, ער האט זיך געפוילט.

„וועסט מארגן קומען מיט מיר פאסטן ?״ פרעגט ער פלוצלונג ביי א פארבייגייענדיקער דינסט.

„וואס זאגסטו צו זיין קאפּ !״ ענטפערט אפּ דאס מיידל און גייט פארביי. זי קוקט זיך דאך אין אים איין : צי וואלט עס איר געלוינט ?

„מעגסט דיך טאקע באגראבן לעבעדיקערהייט, פּראסטער גוי דו !״ צעבייזערט זיך דער אלטער ברוך. „ערב יום כפור, נישט ערב יום כפור — נישטא קיין חלוק !״

„ר׳ אליהס זכות וועט מיר ביישטיין״, ענטפערט געצל פויל. „ער וועט זיין פאר מיר א גוטער בעטער . . .״

„אין גיכן נאר״, כאפּט אונטער א בחור, „פאר מיר און פאר כל ישראל . . .״

„ונאמר אמן !״ זינגט אויס אן אנדערער בחור.

„שארלאטאנעס !״ רעדן צווישן זיך די אלטע ארבעטער.

„ערב יום כפור, נישט ערב יום כפור — גארנישט !״ מורמלט ברוך.

ער איז אויך נישט אינגאנצן שלום מיט ר׳ אליהן. עס ליגט אים גוט אין קאפּ טויזנטערליי עוולות, וועלכע ער האט פארטראגן פון אים. דאך וועט ער ערב יום כפור נישט מאכן קיין רייד דערפון. מען טאר נישט ! א דם שונא אפילו איז ער מוחל במחילה גמורה, לכל הפחות אויף די ליפּן וועט ער קיין קללה נישט ארויפברענגען. די שקצים — זאל גאט נישט שטראפן פאר די רייד ! — זענען פשוט אסור לרחם.

„אבער וואס געדויערט עס דארטן אזוי ?״ פרעגט מיט אומגעדולד איין אלטער ארבעטער.

„ער ציילט זיינע עברות״, ענטפערט דער לץ געלאסן.

און אין א ווײַלע גיט ער צו :

„ער גרייט מסתמא אן פאר אונז א דרשה, ווי פאראיארן. נו, קינדערלעך, האט אייך א „שימע טויווע״, הייבט ער אן מיט ר׳ אליהס קול. „דער אויבערשטער זאל אייך צעברעכן די קעפּ . . . איך מיין די הערצער און איר זאלט האבן א גרינגן תענית, כל זמן איר וועט לעבן״.

דאס יונגוואַרג צעלייגט זיך פאר געלעכטער, די אלטע ווארפן קרומע בליקן.

„ערב יום כפור, נישט ערב יום כפור — ביסט א גוי, טא שמד זיך אין אלדי רוחות !״ זילדט אים ברוך.

„אין קאנטאר ! אין קאנטאר !״ דערהערן זיך קולות פון הויף.

די ארבעטער רירן זיך.

„קומט אנקוקן דאס כשרע פּרצוף״, זאגט געצל אויפשטייענדיק פון טומבע. דאס יונגוואַרג גייט מיט אים, מיט א שמייכל אויף די ליפּן.

ר׳ אליה זיצט אויף זיין ארטביים טיש און קוקט אריין אין חשבון. דאס גאנצע געלט ליגט פאר אים. היינט וויל ער באצאלן מיט דער אייגענער האנט. עס דאכט זיך אים, אז דאס איז א מצווה... ער וועט זיך נאך באגיין מיט די ארבעטער וואס וויכער. ער פילט א ווארימקייט אין גאנצן קערפער — עס דאכט זיך אים, אז ער איז א צדיק. און ער ווערט אלץ בעסער און בעסער. זיין קוק אויף די ארבעטער באקומט אפילו אפריינטלעכן אויסדרוק.

די אלטע מיט די יינגלעך שטייען פארויס, די יונגעלייט פון הינטן. געצל שטייט מיט אן ערנסטער מינע אויפן פנים, נאר זיינע אויגן קוקן איראניש אויפן בעל־הבית. ער ווייסט עפּעס נישט וואס פאר א שטאכווארט ער זאל זאגן.

און דאס יונגווארג קוקט געצלען אין די אויגן אריין.

„נו, קינדערלעך", ווענדט זיך ר׳ אליה פריינטלעך צו די ארבעטער. „מיר וועלן זיך פאנאנדערצאלן און צו ווינטשן. איר דארפט דאך מסתמא האבן דאס געלט".

„נאך ווי", ענטפער עמיץ.

„אודאי, אודאי!" זאגט ר׳ אליה גאר ווייך. „מיר וועלן דערפאר קיין שהיות נישט מאכן. נו, ברוך!"

פון עולם טיילט זיך אפּ ברוך דער אלטער און גייט צו צום טיש.

„יעמוד ר׳ ברוך!" זינגט אויס געצל.

די ארומיקע פארדעקן די מיילער און קוקן אויף דער ערד.

ברוך באקומט זיין געלט, באהאלט עס אין קעשענע און וויל אוועק.

„האט אייך א חתימ..." הייבט ער אן.

„ווארט, וואס אנטלויפסטו?" האלט אים אפּ ר׳ אליה. „מיר וועלן זיך קודם כל פאנאנדערצאלן מיט אלעמען, דערנאך וועלן מיר זיך צו ווינטשן, ווי געהעריק, מיר וועלן נעמען אביסל משקה"... וואס אנטלויפסטו?! עוזר!" רופט ער א צווייטן אלטן ארבעטער. „מיר זענען דאך עפּעס יידן, היינט איז ערב יום כפור", רעדט ער ווי פאר זיך, אריינקוקנדיק אין חשבון.

„גרייט אן דרשה־געשאנק!" וויצלט זיך געצל.

ר׳ אליה ווארפט א בליק אין געצלס זייט. ער קאן נישט ליידן די גאנצע חברה, וואס שטייט דארטן. נאר ער שטארקט זיך און טרייבט פון זיך די שנאה. ער וויל איצט אויף קיינעם קיין שנאה נישט טראגן. און עס דאכט זיך אים, אז דער „מלך עליון" זעט אלץ, וואס עס טוט זיך ביי אים אין הארצן, און ער ווערט אלץ פריילעכער און בעסער.

„איך האב געוואלט בעטן, איר זאלט מיר געבן עפּעס מער געלט", זאגט עוזר מיט א געבעט.

„מער געלט איז היינט נישטא", האט ר׳ אליה ווייך נאר אומגערן ארויסגערעדט. ער כאַפּט זיך אבער באלד: מען האט נישט געדארפט אפּזאגן. נאר אים פאלט איין, אז נאך יום טוב וועט ער עוזרן נישט האלטן מער, און עוזר



וויל דאכט זיך אליין אוועקגיין פון אים. און גלאט ער זאל געבן עוזרן, דארף ער שוין אלעמען געבן, ווארום אלע וועלן בעטן; זיי דארף מען דאך נאר ווייזן א דרך.

„שמערל!" רופט ער א דריטן אלטן ארבעטער.

„איר וואלט מיר געטון א גרויסע טובה. איך דארף אזוי נויטיק!" רעדט עוזר זיינס.

און ר׳ אליה וויצלט זיך גוטהארציק.

„איך דארף אויך, שמערל דארף אויך. זאג, שמערל, דו דארפסט אויך?"

„א, נאך ווי דארף איך!" ענטפערט יענער. „איך האב טאקע אייך געוואלט בעטן..."

„זעסט, הא?" ווענדט זיך ר׳ אליה צו עוזרן. — „שמחה!" רופט ער א פערטן. ער וויל שוין פארגעסן דעם גאנצן פארפאל מיט עוזרס בקשה.

„אבער איך מוז!" שטייט צו עוזר. „איך האב מיך אפּגעבעטן ביי ביינוש דעם וואכערניק ביז היינט..."

„ביסט א קינד און גאר", זאגט ר׳ אליה ווייך, כאטש עס פארדריסט אים שוין עוזרס עקשנות. „אפרים!" רופט ער אויס. „ביסט אקינד", זאגט ער ווייטער צו עוזרן אזוי זיס, אזוי הארציק. „איך זאל דיר געבן, דארף איך געבן ברוכן, שמערלען, אפרימען — דארף איך אלעמען געבן. אלע דארפן. איך ווייס דען נישט, אז אלע דארפן? ביי דיר, אפרים, איז, דאכט זיך, א טאכטער קראנק? וואס מאכט זי?" פרעגט ער דעם ארבעטער מיט רחמנות.

„וואס זאל זי מאכן? ליגט! איך וואלט געהאט געלט..." ענטפערט אפרים אן חשק און פארצווייפלט.

עוזרס פנים איז פארקרימט פון הארצווייטאק. ער קוקט זיך אום מיט די חברים. די חברים שטייען אלע אנגעכמורעט. אפילו ברוך איז איצט אין כעס.

„געטראפן דעם געבער", שעפּטשעט ברוך.

„גלייך ער וואלט אים נישט געקאנט", מורמלט שמחה.

„ע, כע־כע!" זיפצט אפּ אפרים.

„ערב יום כפור, נישט ערב יום כפור", ברומט אונטער געצל אין ברוך׳ס טאן.

עוזר זיפצט אפּ און רוקט זיך ארויס פון קאנטאר.

„ערב יום כפור, ר׳ עוזר!" שיקט אים נאך א יונגער ארבעטער.

„ע־ע־עך!" מאכט עוזר מיט דער האנט און גייט אוועק.

ר׳ אליה פילט, אז די ארבעטער פארמסרן אים ווייטער פארן מלך עליון.

„דאס איז א חברה", טראכט ער, אויסרופנדיק איין ארבעטער נאכן אנדערן. „זיי האבן דען ליב אריינצוגיין אין בעל־הביתס לאגע? גיב און גאר! — מער ווייסן זיי נישט".

עס פארדריסט אים אפילו, וואס ער האט אנגעהויבן מיט עוזרן. נאר, בדיעבד, אז עס האט זיך שוין אזוי געמאכט — ע!

„געצל!" רופט ער אויס ווייך. ער וויל אפילו מיט זיין גרעסטן שונא זיך

זער פריינטלעך באגיין.

„איך בין דא!“ שרייט אויס דער לץ און לאזט זיך גיין צום טיש.

„מארגן איז יום כפור, געצל!“ מוסרט ר׳ אליה. „געצל, מארגן — יום כפור!“

„א, איך ווייס!“ קרעכצט אפ געצל.

„ביסט א שייגעץ, געצל, א גרויסער שייגעץ“, מוסרט ווייטער ר׳ אליה, אפגעבנדיק אים דאס געלט.

„א שלעכטע וועלט, ר׳ אליה, נישטא פון וועמען זיך גוטס אפצולערנען, ר׳ אליה“, שטעכט אים דער לץ.

„ביסט א שייגעץ, א גרויסער שייגעץ“, זאגט ר׳ אליה מיט א האלב מויל און רופט אן אנדערן יונגן ארבעטער.

געצל איז נישט צופרידן. ער האט צו ווייניק און שלעכט אפגעענטפערט. געדארפט אים עפעס ארײנלאזן א שפילקע, אז עס זאל אים פארכאפן ביי דער נשמה. די חברים זענען אויך נישט צופרידן. און זיי האבן אזוי געווארט אויפן ספעקטאקל.

א שווייגנדיקער פארלאזט געצל דאס קאנטאר, שווייגנדיקע גייען אוועק די יונגעלייט, אפנעמענדיק זייער געלט.

ר׳ אליהן שטעכט וואס זיי גייען אוועק, נאר ער שטעלט זיי נישט אפ. ער ווייסט, אז אומזיסט וועט זיין די טרחה. דער ערב יום כפור מאכט אויך נישט ווייך זייערע הערצער. רשעים! און ער ווערט אלץ ווייכער און ווייכער צו די איבעריקע. די קינדער גיט ער אפילו צושטייער אויף מחזורים — — ער באקוקט מיט נצחון אלע ארבעטער. און ברוכן דאכט זיך, אז ר׳ אליה האט פארט א יידיש הארץ.

דאס פאנאנדערצאלן איז געענדיקט. ר׳ אליה שטייט אויף פון דער שטול מיט א זער פריינטלעכער מינע.

„נו, ברידערלעך“, זאגט ער לעבעדיק, „איצט וועלן מיר זיך צו ווינטשן, ווי עס דארף צו זיין, מאכן לחיים, פארבייסן“. ער הייבט אן אנגיסן די גלעזלעך. ברוך, שמערל, אפרים און שמחה זענען פון די ערשטע.

„לחיים, ר׳ אליה“, ווינטשן זיי. „דער אויבערשטער זאל אייך געבן א חתימה טובה...“

„אמן, גם אתם“! ענטפערט ר׳ אליה פרום און פריינטלעך. „נאט לעקעך... גייט געזונטערהייט אהיים, האט א גרינגן תענית, און בעט עפעס אויס, ברידערלעך, א גוט יאר, גוטע געשעפטן — גיי, בערקע, נעם אביסל בראנפן — דאס נייע יאר זאל זיין בעסער, ווי דאס אלטע — וואס טרינקסטו נישט אויס איינגאנצן, שלימזלניק דו! נא, א שטיקל לעקעך — מען טאר נישט זינדיקן, א מענטש דארף דאנקען גאט פאר יעדן טאג, וואס ער לעבט איבער...“

„ברוך ה׳ יום יום“, זאגט אונטער ברוך מיט א זיפץ.

„אודאי אזוי“, רעדט ווייטער ר׳ אליה, „נאר דאך מעג דאס נייע יאר זיין אביסל בעסער — גייט, קינדער, נעמט צו ביסלעך בראנפן — נו, און איך



בין אייך אלץ מוחל, אלץ. איר זענט אייך אפילו נישט ארנטלעך באגאנגען מיט מיר, נאר גארנישט — נא, לייבקע, וואס שטייסטו פונווייטן? — נאר גארנישט...“

„איר אויף אונז דארפט אודאי נישט ברוגז זיין“, האלט זיך אפרים נישט איין.

„ניין, איר זענט אייך זער נישט פיין באגאנגען“, שטייט ר׳ אליה אויף זיינס. „דער שטרייק — נישטא וואס צו רעדן... ע, — וואס ארט אייך! דאס הייסט מיט געוואלד ארויסגעריסן ביי מיר! נאר גארנישט. מוחל, אלץ מוחל. עס גייט א יום כפור, לאמיר בלייבן גוטע פריינט“.

נאר די אלטע ארבעטער פילן זיך באליידיקט.

ער איז נאך געזעכט! ער איז נאך מוחל!

און ברוך דערפילט, אז ר׳ אליה האט אין זיך נישט קיין טראפן יידיש בלוט.

ברוגזדיק הייבן זיי אן צו פארלאזן דאס קאנטאר.

„גייט געזונטערהייט“, רעדט זיי נאך ר׳ אליה און פילט, אז דער אפגרונט צווישן אים און זיי איז נאך גרעסער געווארן. „איך זאג אייך, איר מעגט בעטן פאר מיר. זאל מיר נאר גאט אזוי העלפן, ווי איך וואלט געוואלט אייך גוט צאלן. איר מעגט בעטן פאר מיר — — און איר, חברה“, ווענדט ער זיך צו די קליינע, „זאלט קויפן מחזורים, הערט איר!“

„פארכעס, אלע פארכעס“, באשליסט ער בלייבנדיק אליין אין קאנטאר און קרעכצט פרום אפ:

„א־א־אך!“

„ע־ע־ך!“ קרעכצן די אפ די אלטע ארבעטער אויף דער גאס.

## יהודה ביעטש

## דוד פינסקי ע״ה דער פאלקס־פריינט

מען זאגט, אז וואס די ערד דעקט צו ווערט מיט דער צייט פארגעסן. ניין, דאס איז נישט גאנץ ריכטיק. אפשר ביי מענטשן, וועלכע זענען נישט שעפעריש און האבן גארנישט איבערגעלאזט.

דוד פינסקי דער דערציילער, בעלעטריסט און, ועל כולם, דער דראמאטיקער, איז איינער פון די יחידי סגולה, וואס האבן איבערגעלאזן א גרויסע גייסטיקע ירושה, וועלכע ס׳יידישע פאלק וועט קיינמאל נישט פארגעסן.

אין אונזער מאדערנער יידישער ליטעראטור, וואס האט זיך אין משך פון לעצטן יארהונדערט אזוי שטארק צעוואקסן, אננעמענדיק באשטימטע נאציאנאלע פארמען, פארנעמט דוד פינסקי א גאנץ באזונדער ארט. ער איז געווען איינער פון אירע ערשטע זיילן און האט ארײנגעבליקט אין סאמע תהום אריין פון דעם טראגישן יידישן ארבעטער־לעבן; און אין מיטן דעם קלאגן און וויינען אויף דער שווערער לאגע איז זיין שטים פון פראטעסט די איינציקע,

װעלכע רופט מעכטיק און שטארק, „עס װעט קומען א צייט און ס׳װעט אױפשטיין א דור פון מענטשן, װאס װעלן פארלאנגען זייער רעכט אין דער געזעלשאפט!“

און װי מען זאל נישט דענקען װעגן זיין שאפן, געהערט ער אלץ, נישט בלױז װי א פיאנער און שרייבער פון דעם יידישן ארבעטער־לעבן, נאר ער איז אױך שטארק ארייננגעװאקסן אין דער אלט־היימישער ליטעראטור. דאס, װאס צייכנט אים אױס מער פון אסך אנדערע יידישע שרייבער אין יענער צייט, איז די טיפע ליידנשאפטלעכקייט פון זיין טאן. ער פילט ברייטער און טיפער אין ליבע װי אין האס. עס פילט זיך פון איטלעכער דערציילונג זיינער א טיפע ערנסטקייט, מיט א טיפן און ברייטן בליק אױפן לעבן.

און כאטש די מאטיװן זענען אױף באקאנטע טעמעס, נאר אין פינסקיס קינסטלער־האנט באקומען זיי א באזונדערע פרישקייט. זיינע שילדערונגען פונם ארבעטער־לעבן האבן אין יענער צייט געשפילט א גרױסע ראלע. ער האט באגריפן, אז פון דער פאטריאכאלישער מאסע, װי ס׳האט זי געשילדערט שלום יעקב אבראמאװיטש, טיילט זיך אפ א יידישער פראלעטאריאט, מיט א גאר באזונדערער קלאסן־פסיכאלאגיע. פינסקי דער קינסטלער האט דערשפירט, אז צװישן יידישן ארבעטער און ארבעטס־געבער װאקסט אױס אן אייזערנע װאנט.

אין דער דערציילונג „חיים משרת“ שילדערט פינסקי אונז דאס פארחושכטע, שװערע לעבן אין יענער צייט פון יידישן הארעפאשניק. ער שרייבט, „בעת דאס װייב פון חיים משרת איז געגאנגען צו קינד איז זיין קליין מיידעלע, רבקהלע, געלאפן אין א פראסטיקן װינטער־פארנאכט רופן דעם טאטן אהיים, מחמת דער מאמען איז נישט גוט. אבער חיים משרת קען ביי זיך נישט באשליסן צו לאזן די ארבעט צוליב מורא פארן בעל־הבית. און שפעטער װען ר׳איז מיט צרות אהיימגעקומען האט ער מקבל באהבה געװען אלע זידלערייען, װאס ס׳איז געפאלן אױף זיין קאפ פון די פרױען, װעלכע האבן זיך געפארעט ארום זיין װייב, פילנדיק זיך העכסט שולדיק. און מיט די אױגן זיך געבעטן ביי דעם מיידל, רבקהלע, זי זאל זיין דער מליץ־יושר, זי זאל זאגן צי ער איז שולדיק צי נישט. נאר רבקהלעס שװארצע, ברענענדיקע אױגן האבן אױף אים געקוקט מיט נקמה.

— זער רעכט אױף דיר! האסט נױטיק געדארפט פרעגן ביים בעל־הבית, נױטיק געדארפט... דא טוט זיך מעשים, און ער דארף פרעגן... איך װאלט אים אנגעשפיגן אין צורה און אװעקגעגאנגען...“

אט דעם פראטעסט פונם יחיד געפינט מען כמעט אין אלע זיינע דערציילונגען פון ארבעטער־לעבן, װי למשל אין „אראפ דער מארק“, „משה אהרן דער טרעגער“, „דראבקין“ און אזױ װייטער.

אין דער געשיכטע פון דער יידישער ליטעראטור װעט דוד פינסקי דערמאנט װערן אלס איינער, װאס האט אנגעהױבן אנטװיקלען ביים יידישן ארבעטער א דראנג צו בילדונג.



אין זיין דערציילונג „רב שלמה“ דערפילט מען גלייך דעם דראנג צו װיסן און בילדונג. „דאס מערקװירדיקסטע איז װאס ר׳ שלמה, א ייד אין די זיבעציקער יארן, איז אין מיטן דרינען זיך מישב און הייבט אן צו לערנען ביי א לערער שבע חכמות. ר׳ שלמה מאכט מיט זיך א קלארן חשבון, מיט א לאנגן צעטל פון טון מענטשן טובות. אבער איצט דערזעט ער, אז דאס זענען געװען קליינע אומנוצלעכע, אמאל אױך גאר שעדלעכע טובות. און טראץ דעם אלעם קיין שינוי נישט געברענגט אין לעבן. דער גביר, ביי װעלכן ער פלעגט שלעפן נדבות, איז נישט ארימער געװארן, און דער קבצן איז געבליבן דער זעלבער קבצן.

„עמיצן נוצן ברענגען הייסט מאכן אין יענעמס לעבן א שינוי צום גוטן. מען דארף העלפן איינמאל פאר אלעמאל, אז יענער זאל מער נישט דארפן אנקומען צום אנדערנס הילף. דאס קען נאר דערגרייכט װערן, מאכנדיק דעם מענטשן געלערנט, אז ער זאל אליין װיסן אין װאס עס ליגט זיין הילף“.

פון אט דער דערציילונג קריגט מען דעם איינדרוק, אז פינסקי האט זי געשריבן מיט א ציל. ס׳האט געדארפט דינען װי אן ארייינפיר צו בילדונג. ר׳ שלמה האט טאקע פאר זיין טױט אפגעזאגט זיין גאנצן קאפיטאל בלױז אױף בילדונג און שקאלעס.

װי א דראמאטיקער האט דוד פינסקי זיך באלד מפורסם געמאכט מיט דעם איין־אקטער „יסורים“, װאס איז געװארן שטארק פאפולער צװישן דער יידישער יוגנט, ביי װעלכער ס׳האט אין יענער צייט זיך באמערקט א גרױסע דערװאכונג. בארימטזענען אױך „אייזיק שעפטל“, א דראמע פונם ארבעטער־לעבן און „די פאמיליע צבי“, א היסטארישע דראמע. אבער שטארק אױסגענומען האבן זיינע רעאליסטישע דראמעט — „די מוטער“, „יענקל דערשמיד“ — װעלכע זענען אױפגעפירט געװארן אין קינגסװעי־טעאטער, לאנדאן. און װאױל איז די אױגן, װאס האבן געזען די פארשטעלונג פון „יענקל דער שמיד“ פון דער װילנער־טרופע!

פינסקיס שטארקער װילן צו דערװעקן א באגער ביי די ארבעטער־מאסן צו װיסן און שרייבן שפיגלט זיך אפ אין דער קליינער דערציילונג „דער ארבעטער שרייבט“:

„און איך האלט די צייטונג, בלעטער זי, קוק זיך איין אין די פארשמירטע שורות, לייען און לייען, און דאס הארץ קלאפט אין מיר. מיט הונדערטער יארן צוריק האט ביי די לייענער פון דעם ערשטן געדרוקטן בלאט אױך אזױ געקלאפט דאס הארץ. באשטימט. זיי האבן געשפירט די נייע צייט, װעלכע איז אנגעקומען מיט די געדרוקטע שורות.

„איך שפיר עס אױך.

„ארבעטער אליין האבן זי געשריבן, די פארשמירטע צייטונג, װעלכע איך האלט מיט ציטערדיקע הענט און לייען מיט אזא כװנה. ארבעטער אליין האבן זי געשריבן און באהאלטענערהייט געזעצט און געדרוקט“.

פינסקי איז געװען א פאליטיש־באװאוסטזיניקער מענטש. ער איז פון דער

יוגנט אן געווען אן אויסגעשפּראָכענער סאָציאַליסט, צוערשט פאַרבונדן מיט דער אַרבעט פונם בונד; שפּעטער אין אַמעריקע געוואָרן איינער פון די פירער ביי די פּועלי־ציון.

אויף די עלטערע יאָרן האָט ער זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל, וואו ער איז אין טיפער עלטער געשטאָרבן.

דאָס וואָרט, „דער קעניג איז טויט, זאָל לעבן דער קעניג!", איז אמת, ווייל ס'איז תמיד דאָ אַ יורש. דוד פּינסקי דער דערציילער און דראַמאַטיקער איז געשטאָרבן, אָבער זיין פּלאַץ איז ליידיק געבליבן!

דער פאַרלוסט וועט זיך פילן אין דער גאַרער יידישער וועלט.

## ש. קילשטיין

### אויף קבר אבות

שנייען ווייסע, רויטע בלומען,
יאָרן גייען, יאָרן קומען
אין די סטעפּעס באַנג און טרויער
וועלן כוואַטסקע ווינטן ברומען:

„ווי ס'האָבן סטעפּעס אָפּן
אויף מיין מאַמען זיך פאַרמאַכט,
מיט דער ערד, האָט בלינדע שנאה
דעם טאַטנס קבר אויסגעגלייכט".

איז מיין מאַמע, מאַמע מיינע,
עטלעכע גרעזלעך אין דעם סטעפּ,
און מצבה־שטיין, מיין טאַטנס,
איז ביי אַ גאַניק ערגעץ טרעפּ.

און דער סטעפּ, דער ברייטער כמורנער,
איז אַזוי מיט גרעזלעך רייך,
און אַ גרעזל מיט אַ גרעזל,
איז ווי מענטשן אַלע גלייך.

איז ווו זיי זוכן, זיי די קברים
פון די טאַטעס, פון די מאַמעס?
פאַרברענט זיי זענען, די פּנקס־ספרים,
און אויך ניטאָ דער אַלטער שמש.

וועל איך צינדן ווי די זיידעס,
נאָך אַ גרויל — אַ „תמיד־נר"
יתגדל ויתקדש גאָט דו מיינער,
נאַ דיר אויכעט, נאָך אַ טרער!



## רחל דון־יחיא

### צושפּילט האָט זיך מיין מוזע

צושפּילט האָט זיך מיין מוזע
אויף דיין קבר, ווירע.
אָט קומט דער 7טער אָקטאָבער
— דיין ערסטער יאָרצייט, ווירע.

אַ גאַנצן יאָר, אַגאַנצן יאָר,
— צוועלף חדשים — אַזויפיל טעג,
אַזויפיל לאַנגע, לאַנגע נעכט,
נאָר מיט דיין גייסט געלעבט.

דעם לעצטן פרילינג, דעם 17טן אַפּריל,
דיין 23טן געבאָרן־טאָג האָב איך געפייערט;
אַ מחנה פויגל מיט אימפּעט צונויפגעפלויגן,
מיט שטורעם טשוויטש דיין יוגענד־ליד געזונגען.

און איך שטיי אַליין, זיי צווישן,
צו דער משתה זיינען אָנגעקומען:
דיין זיסער שמייכל, די ליכט פון דיינע אויגן,
דיין חכמה, ליבשאַפט און וויסן.

אין דיין וואַלענעם זשעקעטיל
האָב איך זיך היינט פאַרפּוצט,
צוזאַמען מיט דיין לעצטן אָטעם
האָט אונזער הויט וויברירט.

קלאָגט אין דער לופט דאָס געזאַנג.
לאָכן די סטרונעס אויף וואַלן און קלאָגן.
טריפן די טרערן, טריפן און יאָגן —

## שמואל וואַהייט

### זון געבענטש מיין ברודער

(יהודה היימאַן)

זיי געבענשט מיט דיין שטאָלץ ברודער —
זאָל דער מגן־דוד גייסט דיך אומהילן;
עס וואַרמען מיך די ווערטער צו הערן,
„איך בין אַ ייד" מיט וואַרעמע געפילן.
די ווערטער קלינגען מיט מכבים־גייסט
אין בּרענגען מיין אימה פרייד און טרייסט...

## יחזקאל בראנשטיין

# צוויי עסייען

### (א) די וועלט און דו

די וועלט איז אן אפענע טיר וואס אויב דו טרעטסט נאר אריבער איר שוועל, פארמאכט זי באלד הינטער דיר.

די וועלט נעמט דיך אויף ווי א געווינטשטן גאסט, באדינט דיך מיט דעם רייץ פון איר גארער שיינקייט און רופט אין דיר ניט ארויס דעם מינדסטן חשד, אז דו פאלסט איר צו לאסט . . .

און וואס דו גארסט נאר קענסטו טון מיט זיך און אויך מיט איר — דער וועלט . . .

די טיר וואס האט זיך ערשט פאר דיר געעפנט, פארשלינגט דיך. און זי אליין, די וועלט — פארכאפט דיך ממש מיט איר גרעניצלאזער שיינקייט.

דו גייסט ארום א פארגאפטער און דו זעטיקסט זיך מיט אלץ וואס זי, די וועלט פארמאגט.

מיט דעם כח פון דיין גייסט באהערשסטו איר — די וועלט.

און וואס דו גארסט דערגרייכסטו, מיט דיין מי און מיט דיין שכל.

און אין דיין געיעג נאך דעם וואס דיר דוכט זיך אז ס׳איז גליק, פאלט דיר קיין זאך ניט צו שווער, ביז — ביז דו מידסט זיך פלוצים איין . . .

דיינע כחות שעפן זיך אויס, פארלאזן דיך בהדרגהדיק . . .

און אומגעריכט פאר זיך אליין גייסטו אין דער וועלט פארלוירן, אט — ווי דו וואלסט אין איר גאר קיינמאל ניט געווען . . .

### (ב) בוך

דער בוך אין דער האנט פון א שעפערישן לייענער, א לייענער וואס לאזט זיך באהערשן פון דעם באטרעפנדיקן בוך צו אזא גראד און מדרגה, אז זיין אייגענער איך טרעט אפ אין שאטן און די אילוזיע וואס דער בוך פון ארויס אין זיין באוואוסטזיין, פילט אויס זיין גאנצע מענטאליטעט — אטעמט מיט דעם אראמאט און שיינקייט פון א צארטעט בלום, אין דער האנט פון דעם לייענער.

דער בוך וואס האט זיך אויסגעפארמירט אין דעם באוואוסטזיין, עכטקייט פון דעם הארץ און געוויסן פון א דיכטער פון דערווארטקונסט, פרעדיקט ניט קיין אידייען, נאר איז דער אויסדרוק פון א זעלבסטפארשטענדלעכקייט און דינט ווי א צוגאב צו דער מעשה בראשית, אין דעם אויסלייג פון א שיינקייט אין דער שפראך פון א ילוד אישה, וואס ווייסט ווי צו פאר׳פנימ׳ען זיין געפיל און מחשבה.

דער בוך איז די זריעה פון לעבן, וואס יערט אין דער אילוזיע פון דעם לייענער מיט דער דינאמיק פון די פארשידנארטיקסטע וויטאמינען, וואס זיינען גורם די אנטפלעקונג פון א סך וועלטן, וואס כאטש זיי לאזן זיך ניט מיט די הענט באר־רן, ריידן זיי און וועקן אין דיר די זעאונגען פון דעם דיכטער מיט דעם רייץ פון א לעבן, וואס רעדט צו דיין הארץ און פארכאפט דיין נשמה.



## מ. א. סול

# עם ישראל חי *

וויין זיך אויס, מיין פאָלק, אויף דיין וויטאָג, אויף דיין בראָך,
זיץ־אָפּ די זעקס־מיליאָנענדיקע, שבעה־וואָך
און הויב זיך אויף, און שטעל זיך, אויף די פיס צוריק
און ווענד צום גרויסן מאָרגן זיך, מיט גלויבן אין דיין בליק.

קרעכץ זיך אויס מיין פאָלק, און זיפץ אַרויס פון זיך דיין צער,
רייס אויס די שוואַרצע טעג, פון דיין זכרון־קאַלענדאַר,
אויף אַלע ווערטער־כלים, רייד אַרויס פון זיך דעם וואַנזיניגן גרויל
ביז וואַנען ס׳וועט אַ וואָרט אַ ליכטיגס, זיך צעגליען אויף דיין מויל.

ווי אַ דענקמאָל פאַר די דורות שטעל אַוועק דיין טרויער,
ווייל אויף קיין טרערן קאָנען מיר ניט בויען.
און בויען האָרפן מיר אַצינדערט פון דאָסניי,
און בויען ווען מיר, ווייל עם ישראל חי.

## ר. היישעריק-פוקס

# מיין באגעגעניש מיט משה עובד

אין יאר 1951 קומענדיק קיין לאנדאן פון ישראל, האב איך שטארק געזוכט א יידישע היימישע קולטור סביבה ווו איך זאל קאנען זיך אויסלעבן אין דער יידישער שפראך, וועלכע איך האב זייער ליב און נאך וועלכער איך האב געבענקט פון מיין טיפן הארצן.

זייענדיק אונטער די היטלער מערדער די גאנצע צייט, ווו מיין נאמען איז נאך ביים לעבן אויסגעמעקט געווארן און איך בין געווען בלויז שטיק ווערק־צייג מיט א נומער, האב איך אלעמאל געטראכט: וועט מיר געלונגען לעבן צו בלייבן, אז איך זאל קאנען דערציילן וועגן דער גרויסער אומפארגעסלעכער טראגעדיע און איבערמענטשלעכעליידן פון אונדזער פאלק, פון וועלכע איך בין געווען אן עדות און וועלכע האבן זיך אזוי שטארק איינגעקריצט אין מיין הארצן און וועלכע האבן געלאזן אן אומפארגעסלעכע בענקשאפט נאך אלע מיינע נאנטע, וועלכע זיינען אומגעבראכט געווארן נאר דערפאר, ווייל זיי זיינען געווען יידן. דער שטעמפל וועלכער איז איינגעקריצט אין מיין הארצן און וועלכער פארנעמט דעם סאמע אויבן־אן פון מיינע גרויסע ווייטאָגן, ברענט ווי א נר תמיד און וועט קיינמאל ניט פארלאשן ווערן. און דערפאר איז מיר נאך טייערער געווארן די יידישע שפראך און דאס יידישע ליד.

זייענדיק אין לאנדאן א קורצע צייט, האב איך זיך דערוווסט, אז עס איז דא פאראן א יידישע געגענד מיט א יידישן קולטור קרייז, ווו עס ווערן אפגע־האלטן ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס, אבער ס׳איז געווען א צו לאנגער וועג

* פון מ. א. סול׳ס לעצטן בוך „אַ וואָרט פון טרייסט״.

צו פוס צו גיין, און ס'נעמט א האלבע שעה צו פארן מיט דעם טראליבאס. האב איך זיך דערוווסט וועלכער נומער ס'גייט אהין, און אזוי ווי ניט דערלויבט צו פארן אין שבת, האב איך איינגעשפאנט מיינע צוויי פיס, איך בין נאכגעגאנגען דעם טראליבאס נומער 653 און מיט א פארכאפטן אטעם בין איך אים נאכגעלאפן. ער איז אבער געווען געשווינדער פון מיר און ער איז פארשוונדן איבערלאזנדיק מיך ווי א נאר אויפן מארק, א מידע און א פארשוויצטע הינטער זיך... און איך א גרינע, ניט קאנענדיק א ווארט ענגליש, בין יעדעסמאל שטיין געבליבן כדי אפצווווארטן די דורכלויפנדיקע טראליבאסעס, און אזוי ארום זיך זיכער צו מאכן, אז איך וועל נישט פארבלאנדזשן, ווייל — אז איך האב א טראכט געטאן, אז די פאליציי וואלט מיך אהיים געבראכט צו מיין מאן און די פאלגן דערפון... האב איך זיך דערשראקן און דאס האט מיר צוגעגעבן מער מוט צו לויפן.

נאך א שעה צייט, לויפנדיק האב איך דערהערט הינטער מיר יידיש רעדן. א דערפרייטע האב איך זיך אויסגעדרייט און ווייזנדיק די אנאנס אין דער יידישער צייטונג, האב איך זיך געפרעגט דעם וועג. די יידן האבן געזאגט, גייט די גלייכע שטרעקע ווי דער 653 ביז איר וועט קומען צו דער אדלער סטריט, דארט וועט איר אריינגיין, איר וועט דארט טרעפן יידן, וועלן זיי אייך צופירן ביז אהין. און אזוי איז עס טאקע געווען. א מידע, א צעברענטע פון דער היץ און פון לאנגן לויפן בין איך אריינגעקומען אין מיטן רעדן פון פארזיצער א. נ. שטענצל. ער, דערזעענדיק אז איך בין א פרעמדע, האט ער מיך געבעטן זעצן לעבן זיך און דערוויסנדיק זיך, אז איך קום פון ישראל און האב אזוי ליב יידיש, אז איך בין אזש געקומען צו פוס פון קלעפטאן, אזא ווייטן וועג, האט עס אים געטאן א נעם ביים הארצן, און מיט גרויס התפעלות האט ער באלד דעם עולם איבערגעגעבן די נייעס. די טייערע פריינד נאך וועלכע איך האב אזוי געבענקט, האבן מיך זייער הארציק באגריסט און איך, מיט טרערן אין די אויגן, א גליקלעכע אז איך קאן זיך ווידער אויסלעבן אין דער יידישער שפראך, האב זיי אלס דאנק געזונגען א ליד פון ד. עדעלשטאט — נאטור און מענטש. מיינע ליבע שוועסטער און ברידער האבן זיך אויסערגעוויינלעך באדאנקט און דאס האט נאך מער פארקלעמט מיין הארץ, ווייל דאס האט מיר דערמאנט אין פוילן, די שטאט קראקע, מיינע יוגנט־יארן און אלע מיינע ליבע און טייערע, וועלכע זיינען אומגעקומען אויף אזא שרעקלעכן אופן.

דאס איז געווען צום ערשטן מאל נאך דער מלחמה, אז איך האב געזונגען עפנטלעך א יידיש ליד... נאך דעם זינגען האט מיך דער פארזיצער געפרעגט, צי איך וואלט געווען וויליק צו געבן א רעפעראט איבער ישראל דעם צווייטן שבת. איך האב מיט פרייד צוגעשטימט און צו מיין איבערראשונג האב איך דאס טאקע געזען אנאנסירט דעם נעקסטן פרייטאג אין דער יידישער צייטונג. א דערשראקענע האב איך באהאלטן די צייטונג, אז מיין מאן זאל דאס ניט זען. מיט גרויס איילעניש און הארצקלאפן האב איך אפגעפטרט די שבתדיקע סעודה און זיך קוים דערווארט די מינוט, ווען מיין מאן וועט זיך א



ביסל צולייגן און איך וועל זיך קאנען ארויסגנבענען פון דער שטוב אומגעזען.

אריינלעגנדיק אין דער קעשענע א צענערל, וועלכער איך האב אפגעשפארט פון דער וואך, האט מיר הנאה געטאן ווייל עס איז לייכט, סיי ווייל עס וועט ניט קלינגען... איך האב דאך ניט געטארט טראגן אין שבת.

האב איך זיך א צופרידענע ווידער געלאזט אין וועג אריין, וויסנדיק אז אין אוונט וועל איך האבן פארוואס צוריק צו פארן. איך האב זיך ווידער געלאזט גיין צופוס קיין ווייטשעפעל, אבער דאס מאל איז שוין דער וועג געווען נענטער און לייכטער, ווייל איך האב שוין געוווסט דעם וועג, און האב זיך ניט געמוזט אלעמאל אפשטעלן צו פרעגן. אזוי בין איך דאס צווייטע מאל אנגעקומען אין בערנאט בערן הויז אין 75 מינוט, א רעקארד פאר א פרוי.

דאס מאל איז דער זאל געווען פול געפאקט מיט זייער פיינע געסט, וועלכע האבן געוואלט הערן די לעצטע נייעס פון אונדזער אלט־ניי געבוירענעם לאנד, וועלכעס איז אונדז אזוי שווער אנגעקומען און פאר וועלכן מיר האבן געצאלט אזא טייערן פרייז. פארענדיקט האב איך מיט א געדיכט פון ה. היינע „ציון ליבע". און ווידער האבן זיך די צוהערער אויסערגעוויינלעך באדאנקט און איך א צעטומלטע בין שטיין געבליבן מיט א קלאפנדיק הארץ און ס'האט זיך מיר געדאכט, אז אט וועט זיך עס עפענען און אריינזאפן אין זיך א יעדן זיפץ פון פרייד און נחת פאר אונדזער אייגענעם לאנד.

עס איז צוגעקומען אן עלטערער ייד, מיט צוויי ברענענדיקע שווארצע אויגן, מיט א יונג, שמייכל אויף זיין אויסגעמאטערט פנים, גיבנדיק מיר א קוש אין האנד. איך א פארשעמטע האב א זאג געטאן — אוי־ווי, ס'איז ניט כדאי! דערויף האט ער צו מיר געזאגט: איך בין קראנק, אבער איך בין געקומען און ס'טוט מיר א גרויסע הנאה, ישראל נויטיקט זיך אין אזעלכע פרויען. דרויף האב איך אים געענטפערט: ליידער קאן איך אונדזער לאנד ניט העלפן, איך בין ארעם און דאס לאנד נויטיקט זיך אין א סך געלט.

אין מיטן רעדן איז צוגעקומען פריינד שטענצל און האט מיר אים פארגעשטעלט — דאס איז משה עובד, דער פרעזידענט פון פריינד פון יידיש לשון. און ר' משה עובד האט מיך געבעטן צו קומען אין זיין געשעפט, מיר צו ווייזן די גאר שיינע זאכן, וועלכע זיינע הענט האבן אויסגעארבעט און די ביכער וועלכע ער האט געשריבן. ער האט מיר געשענקט עטלעכע פון זיי און אַ בוך, „וויזיאנען און עדעלשטיינער" האט ער מיר אריינגעשריבן: פאר רבקה היישעריק פון הארצן פון משה עובד.

אוועקגייענדיק האט ער מיך געבעטן אים נאכאמאל צו באזוכן, ווייל ער וויל זיך פאר מיר אויסרעדן זיין הארץ... ווייל ער פילט אז ער וועט שוין לאנג ניט בלייבן צווישן אונדז. א געריהרטע ביז צום הארץ בין איך אוועקגעגאנגען, צוזאגנדיק צו קומען. און אזוי האב איך זיך באקאנט מיט משה עובד ע.ה.

## סיר דזשייקאב עפשטיין

# משה עובד

דער דיכטער־יואוועלירער האט פאר מיר פאזירט פאר זיין פארטרעט. מיינע מאדעלקעס, איבערהויפט סוניטא, פלעגן אים באזוכן אין געשעפט, אין „קעמיא־קארנער שאפ״, וואס האט געמאכט דעם איינדרוק פון אן אלאדינס הייל, און משה עובד פלעגט זיי דארט אויסצירן מיט אריענטאלישער צירונג. ביי אזא געלעגנהייט פלעגט סוגיטא אויסזעען ווי די מלכה שבא אליין, און משה עובד גופא האט עס מיר דערציילט ווי א געוויסן טאג האבן ער און סוניטא זיך געפונען אין א טאקסי אין דער סיטי, און אזוי ווי זיי האבן זיך פארפלאנטערט אין עפעס א פייערלעכער פראצעסיע, האט מען זיי אנגענומען פאר ממש א קעניגלעך פארל, און סוניטא זאל מאיעסטעטיש זיך האבן פארנייגט פארבייפארנדיק פאר די מאסן מענטשן.

מיר איז עס געווען ליב צו ארבעטן פאר אים און ארייַנצוקנעטן אינם ליים זיינע געפילפולע, נערוועזע ליניעס פון פנים. עפעס שוועבנדיקס און נאאיווס איז געלעגן אויסגעגאסן אין זיין אויסדרוק, ווי ביי א פרעכטיק קינד.

א געוויסן פרימארגן האט ער מיר אויסגעזעען מער נערוועז ווי תמיד, און מיר האט זיך אויסגעדאכט, אז דאס פנים זיינס ווערט אלץ בלייכער און בלייכער. געוויס איז דער אנשטרענג פון פאזירן גרעסער פאר געוויסע מענטשן ווי פאר אנדערע, הגם איך באמי מיך זיי צו מאכן באקוועם. נאר דער אמת איז, אז דעם סקולפטארס פעסטער בליק טוט ארויסרופן א מין באאומרואיקונג. איך האב דעריבער געפרעגט משה עובדן צי ער פילט זיך עפעס נישט מיט אלעמען, און ער האט צו מיר אזוי געזאגט:

— איך בין נישט געוואוינט צו זיצן ליידיק מיט גארנישט. אפשר וואלט איר געקויפט עפעס ביי מיר?

אט דעם אייגנארטיקן מין הומאר געפינט מען אין אייניקע פון זיינע ביכער. זיין ביוסט איז איינער פון מיינע געלונגענסטע און געפינט זיך איצט, אויב איך בין מיך נישט טועה, אינם מוזעאום אין תל־אביב.

א פראגמענט פונם בוך, „יהי סקולפטור!״
פונם.ענגלישן.אריגינאל.איבערזעצט,
פון.א..אלמוג

„די אידישע שטימע״
די איינציקע וואָכנצייטונג אין דער אידישער שפּראַך אין דעם לאַנד.
THE JEWISH VOICE LTD.
11-13 NEW ROAD, LONDON, E.1. Phone: BIS. 9804



## א. נ. שטענצל

# „שיר — א געזאנג, השירים — איבער אלע געזאנגען״

עלעגיע אין דרייצן געזאַנגען

א.

ווי אַלט־קלוג, ווי צאַפּלדיק יונג, און נישט גענוג געווען,
אונזער קלאָג אויסצושרייען, בענקענדיק אויסצוזינגען,
איצט אַז אונזער ווייטאָג גרויס אַזוי, קוים צו דערפאַסן —
די לשונות ביידע, צומאָל, צי וועט עס געלינגען.

דעם גאַנג פון לעבן ווער ווייסט? אָבער דעם געזאַנג דערפון,
די רו פון טויט ווער קאָן משיג זיין? אָבער דער טרויער;
אַ מענטשלעך האַרץ אין צער, פון גאַל עס קאָן ביטערער זיין,
אָבער ווען אין געזאַנג ער גיסט זיך אויס — שמן־המור.

ווער מיט ווערטער קאָן געבן צו פאַרשטיין אַ מין שנאה,
מענטשלעך נפש אויסזידן אין שמעקנדיקע זייפן?
„אַלע געזאַנגען זיינע קדוש, דער — קודש־קדשים״,
אויב מיט ליד כאָטש די נקמה מיר וועלן באַגרייפן.

בלויז, צי שוין לשונות, צוויי צומאָל, גענוגן אַזאַ פאָלק,
נישט נאָר גאַנצע וועלט — גרעסטע צרות אַדורכגעגאַנגען?
אַז מיר זיינען געוואָרן אויסגעוויילט, עס צו זינגען,
„שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען״.

ב.

אויסגעמאָסטן די גאַנצע ערד, אין דער לענג, אין דער ברייט,
ס׳ציען זיך די שליאַדעס אין די ווינקלדיקסטע עקן,
דער ווייטער, דער צוריק — איין גרויסער כשוף־עגול!
אַלע שטערן ווינקן שוין פאַרפירעריש און שרעקן.

וואַהין פיר אַזאַ וועג, אַז אומענדלעך מינדסטער שפאַן,
אַ שטרויכל־יעדער מיילן־שטיין, תליות — די וועג־ווייזער,
און פון יעדנס פאָר אויגן קוקן שוין ביידע דיך אָן:
דער שטן, דער נישט גוטער און אַ גאָט, אַ דערלייזער.

ס׳איז צעמישט געוואָרן אונזער בלוט מיט אַלע בלוטן!
ווו אַ האַרץ נאָך, אַז טראָפּן אונזערער זאָל נישט רינען?
ווען נישט דאָס זידיק פאַרגאָסענע, דאָס פאַרגליווערטע,
קיינמאָל שוין מער דעם וועג צו זיך נישט צוריקגעפינען.

זיינען מיר נישט געשטאַנען ביי דער וויג פון יעדן פאָלק,
עס געשטילט ווען פון אימה אין געוויינען פערגאַנגען ?
און ווען אויפגעגאַנגען דער שרעק פון זיין גורל־שטערן,
געקעפּט אונז, געטרעפט אונז, קאָפּ אויף קאָפּ — אים דערלאַנגען.

ג.

יאָ, ווערטער ווערן פאַרזשאַווערט, ווי מענשן פאַרדאַרבן,
קלאַנגען — אָפּגעריבן און פאַלש, ווי אַ האַרץ צעשפּאָלטן — —
זיצן בלייבן ווי יענער פאַרשטומטער מדבר־פויגל,
קינדער אָדלער צוגעוואָרפן, זיך אַליין פאַרשאָלטן —

אַ סאָווע אין פינסטערניש מיט וויסטע, גרויסע אויגן,
אַ שטיל־שעלטנדיקע, שעפּטשנדיק אַ טויטן־תפילה ?
אַזוי פאַרביטערט אין צער, גאַנץ פאַרגליווערט אין צווייפל,
ווי גרויס איר אומגליק, זי אַליין ווייסט עס נישט אפילו ;

איידער פאַרבן־שרייערישע ווערטער זיך אויסלערנען,
שפּלדיק נאָכשנאָפּלדיק — לאַנגע נאָז קרום־פאַרבויגן !
אויף די פרעמדע יאַרידן, פלוידערנדיק, גאָרגלדיק —
גרויסע גולם־אויגן : נישט געשטויגן, נישט געפלויגן !

אַ צוגעקייטלטע, פרעמדע גורל־קוויטלעך ציען,
צעלאַכנדיק זיך מיט אַזאַ זויער־זיס געלעכטער — —
אַז קיין שריד ופליט פון אַזאַ פויגל נישט בלייבט,
שוין געוועזן, חלילה, אַ סך עכטער, צומאָל גערעכטער.

ד.

וויאַזוי קינדער איינוויגן מיט יידישע לידער,
אַז אין די צען־טויזנטער זיי דערשטיקט אין די וויגן ?
אין די טויזנטער קעפּלעך געשליידערט אין די מויערן —
געברידער־גרים מעשהלע, „מיט איין קלאַפּ זיבן פליגן“.

„סאַראַ, סאַראַ, פאַרשטעק די קינדער, די נאַציס קאָמען !“
וועלף־וואָיענדיק געלעכטער, וויסט־ווילדע העלדן לידער,
די שטיינער אויפגעשוידערט אונטער זייערע געיעג —
אַ סקרוך געגאַנגען איבער זיי, ווי ס׳גייט איבער גלידער.

דאָס שווערע גורל־ראָד געגאַנגען איבער מאַמע לייב,
מיט בלוטיקע געזאַנגען, מיט גענאָגלטע שטיוול,



וויאַזוי נאָך זינגען ס׳ראָזשנקעס מיט מאַנדלען“־לידל,
שרייבן דאָס זיסע „בריוועלע צו דער מאַמען“־בריוול ?

מאַמע יידיש, וועלכע „יידישע“ וואַגט נאָך אַצינד,
איר קינד מיט אַ יידיש וויגן־לידל איינצוּוויגן ?
און ווערט נישט עופ׳עלע איינגעוויגט מיט יידיש ליד,
וויאַזוי האַרץ זיך נאָך וויגן אין יידישן ניגון ?

ה.

קלאָר ווייס ציגעלע אונטער וויגעלע, מיט גרויס געציר,
ווי קלוג מיט שפּיציק בערדעלע ס׳קוקט ווינקענדיק אַפיר ;
נישט סתם אַ קרעמערל, ציט אַ שטרוי פון פורישער פיר —
אַ יידעלע אויף אַ יאַרידעלע — אַן אדיר אַ גביר !

און ערשט, ווען אויף שטרויענעם שול־דאַך — די פיס אַ צעפיר :
קהילהשער צאַפּ, נישט עפּעס אַ ציג אויף אַלע פיר,
אויף צוויי ! פאָדערשטע כשר געוואַשן הינטן ביים כיור :
אַ ברכה מיר געמאַכט, המוציא מיט האָניק מיר כ׳שמיר.

און איצט, אַז מלאך מיט טויזנט אויגן שטייט שוין ביים טיר,
גיט זיך גילדענע פאַווע פונם צוקאָפּנס קיין ריר,
שטיל, איין פעדערל, חלילה, זי טאָר נישט טון קיין פאַרליר :

זע, נישט מלאך־המות שטייט געבויגן איבער דיר,
ניין, ס׳עקט זיך נישט — מיין עק ברייט־צעשפּרייט, מיט אויגן אָן שיעור !
אין מיין מינדסט גרין־פעדערל דיין לעבנס־אָטעם איך שפּיר.

ו.

אין סקאַלעס אויסגעהאַקטע היילן — פאַרטיפטע ווערטער,
ווי וונדערלעך, ווי ווייט, אַ נאַכט־וואַנדלער וואָלסט געוועזן ;
פאַרחלומט פון העכסטער הייך נישט אַראָפּצופאַלן —
וואָר־פּתרון פון לעבן מיט זיי קלאָר אַרויסצולעזן.

פאַרשוויגענע ווערטער ווידער, ווי זשיוויעצע וועלדער,
מיט טשוויטשערנדיקע שוואַלבן וויגן דיך איין די צווייגן ;
אַ קילער קוואַל צעוויקלט זיך אין אַ פליסנדיק טייכל —
אין דיר ס׳וואָלט געזעסן ווער פאַרטראַכט אין טיפן שוויגן :

עלפנביין געדרעקסלט, בערגלט זיך קאַנטיק דער שטערן,
צעגלאַנצטער גראַניט אין בליק, קוקט אַזוי קלוג־פאַרשוויגן ;
חלום און פתרון, סוד פון לעבן און יסוד פון טויט —
איין פאַרטראַכט־ציענדיקער שטיל־וויגנדיקער ניגון.

הער, ווי הילכיק עס זינגט אין דיר, מיט היילן, מיט וועלדער,
אַ בת־קול פון לויטערן הימל לאָזט עס זיך הערן ;
ווי גלאַנציק, ווי גרויס, אות נאָך אות שטעלט זיך פינקלדיק אויס —
ווייס, וואָס פינסטערער די נאַכט, אַלץ ליכטיקער די שטערן.

ז.

פון משה׳ן, איבער ישעיה׳ן, ר׳ שמעון בר יחאי,
איין טיפער געשריי פון גרויסע חבלי־לידה־ווייען ;
זע, פון מדבר סיני אָן גייט ווער איבער וויסטער וועלט,
טראָגט האַרץ־טראַבעס שטערן־זוימען, אַקערס אויסצוזייען.

אַזוי גייט ער, הלוך־ילך, מיט טרערן און געזאַנג,
צייטיק באַלד אויפצוגיין און באַלד פאַרשניטן צו ווערן ;
פאַלנדיק איף קני, אויף אַלע פיר אָפּגעטאַנצטע צייט,
קלאַפּנדיק אין דער ערד שוין טיף־צעאַקערטן שטערן.

ווי ווערט אַ ים־התלמוד־אינזל אַרומגערינגלט,
מיט זאַנגען־געזאַנגען, מיט וויגנדיקן תבואה־ניגון ;
צו די טרויבן־גלויבן־הענגלעך, אונטער קזשאַקעס־צוימען,
דעם כיטרעדיקסטן פוקסל שווער זיך אַדורכצוקריגן.

צומאָל יענער באַראָן, מיט די גרויסע שעפסן־אויגן,
שרעקט זיך די הערנער דורך די דערנער אַדורכצושטעקן :
וואָס שוין עקידה, האַלז אויסשטרעקן צו שאַרפן מעסער,
קייגן אייגענע עינויים־און סיגופים־שרעקן ?

ח.

. . . ר׳ יהודה החסיד, אר״י הקדוש, בעל שם —
איין טרערנדיק־און פרייד געזאַנג פאַרן מענשנס וועגן !
די שטייענדיקע פעלדער אַרום בוקן זיך זאַטע,
געשניטן צו ווערן נאָך שווער־פאַלנדיקן רעגן.

עס זינגען דערפון שוין די פייגל אויף אַלע דעכער,
אין אויסגעטרונקנטן גראָז די הונגעריקע גרילן :



ווער איז יענער, וואָס פון אַלע קרייץ־וועגן ציט ער׳ אָן,
שוואַכסטן, אומבאַהאָלפנסטן דעם הונגער שוין צו שטילן ?

גאָט איז זיך נתגלה אין גלות אויף־און אונטערגאַנג,
פון אונזערע צרות אַרויס פון גאולה רעדט ער — —
אין ימים חבלי־לידה־בלוט גייט אָפּ טראַכט פון דער וועלט,
אָבער אַ טויט עופ׳לע ס׳ווערט געבוירן איר רעטער !

און אַז אַ ייִנגעלע, ער שפּילט זיך מיט גיפטיקער שלאַנג ?
אָבער ווייסט ווער, אויב גרויס ווערן און אויסוואַקסן וועט ער,
צום טאָג ווען וואָלף און לאָם ער זאָל פיטערן שוין צוזאַם ?
גלויביקסטער געטער־געזאַנג, גרעסטן ווייטאָג פאַרגלעט ער.

ט.

דאָס חיה׳שע געקריך, כיטרע אויפן עץ־החיים — —
תחינות־רחמים, חכמה׳ס שכל — מיט כוח אַלץ דערגרייכן !
און וואָס טיפער דערגריבלט, תהומדיק דערגראָבן,
ס׳פאַלט דער שעיר־לעזאזל אַלץ פון העכערע הייכן.

ס׳טאַנצט איבער דער גאַנצער וועלט שוין דער עגל־המשולש,
געקרוינט מיט גילדן הערנדל פון אונזער גזע,
אונז צו צעטרעטן וואַקסט ער אויס אין אַ שור־הנסקל,
געדריילינגט, געדרייאייניקט אין אַ דריי־עק־סינטעזע.

און קריסטוס, שפּינאָזא בענעדיקטוס און קאַרל מאַרקס,
נשמות צו דערהייכן, אַלע מענטשן אויסצוגלייכן,
איבער טיבער־עברא־ריין ביז ווייסל און וואָלגא,
מיט אונזער בלוט צוצעפליסן איבער אַלע טייכן.

בלויז פון אַ לעצטן טראָפּ בלוט נאָך פונם „בדמיך חיי״,
בליען וווּנדן ווידער אויף אין ווונדערלעכע בליטן,
און דאָס גילדן ציגעלע און די גאָלדענע פאַווע,
וואנדלען מיט אין שווערסטן וואַנדער־וואָגל אונז צו באַהיטן.

י.

שפּיציקער צאָן, פונק־שפּריצנדיקער — די „גאָלדענע צייט״,
שלאַנגען־צונג־געציש, געשפּאָלטענער — די שייטער־פלאַמען ;

אבן גבירול, יהודה הלוי, אבן עזרא —
געטריף פון גין־גאָלד־געשמעלץ און זשיוויצע פון שטאַמען.

פרץ, מענדעלע, שלום־עליכם, שוין צומאָל,
קרעמאַטאָריע־רויך־געסלינע נישט גענוג געוועזן — —
יאָ, כאָטש צו מאַכן א ברכה, ווי איבער דער תורה,
ווען מען וועט אונזערע קלאַסיקער סדרה־ווייז לעזן ;

און פון ביאַליקן, פון ראָזענפעלדן, פון יהואש,
די ריכטיקע הפטורה־קאַפּיטלעך אויסצוקלייבן ;
און מיר אַלע, אָ, אין וועלכן זכות נאָך זוכה געווען,
לויטן אלף־בית דעם איכה־הגדולה צו שרייבן ?

לאַגלען־געוויין, גסיסה־געזאַנג, גלות־אונטערגאַנג —
אַ גערין פון בלוט, אַ שקיעה־געשפיגל אין טרערן ;
שווערער נגינה־טראָפּ פון וויי־פאַרגליווערטע הערצער,
צי קאָן עס דען ענדיקן ווען, חלילה, אויפהערן ?

יא.

„שיר — אַ געזאַנג, השירים — איבער אַלע געזאַנגען״,
פון אַלע שבעים־לשונות, אין וועלכן לשון,
אַזוי לייבהאַפטיק פאַרטייטשט, מיט לייב און לעבן צעפליישט,
דעם „מי זאת עולה מן המדבר כתמרות עשן״ ?

סעדער־סודות צעבליט, בשמים־קנאָספּענדיק צעשמעקט,
די גין־גאָלד גלעקלעך־קולעכלעך פון די חדר־ייִנגלעך,
ווו זיינען זיי, און זייערע געזאַנגען ווו זיינען ?
אויפגעגאַנגען און צעגאַנגען אין קטורת־רינגלעך.

און אז די ליבע אַזוי ביזן טויט טיף דערזינגען,
אויף שייטערהויפנס, אין קרעמאַטאָריעס נישט פאַרלאָשן,
אזוי פייערלעך הימליש, אַזוי ערדיש פייערדיק — —
די נקמה, חלילה, אַפּטוישן אויף מחילה־גראָשן ?

אונזער פאַרגאָסן בלוט — צעגאָסן גאָלד איבער פלאַמען ! —
דער אויפגעגאַנגענער קלאַנג צו די זידיקע געזאַנגען ;
און דער ריטם — שווער־אויסגעהעמערטער וואָגיקער טראָט —
וואָגלדיקער גאַנג ביז צו גאַז־קאַמערן דערגאַנגען.



יב.

נאָך טויזנט און איין שטעטל דעם בערדיטשעווערס „קדיש״ ?
אפשר גאָר „אלי אלי״ תחינהדיק זיך צעזינגען ?
„מיין שטעטעלע בעלז״ ? ! אַ שטיין אין הימל אַרויפוואָרפן,
אין בלוט 6,000,000 — נול אין נול זיך רינגלען די רינגען !

אויב יהושע שוין אין גבעון די זון אָפּגעשטעלט ?
זאָל זי שטיינבלייבן איצט אַ צעקריצט פה־נטמן־ברעטל !
אַזאַ „מלא רחמים״ שרייבן, אַז ווער אים דערהערן,
אַליין ר׳זאָל ווערן דער קדוש־יתום נאָכן שטעטל.

ס׳וואַקסט זיך נאָך ווו אַ גרעטל איר לייב מיט שטיקל זייף,
פון לייב פון אונזער לייב געטון זיי האָבן אויסזידן —
„די דויטשע זאובערקייט״ ! — און שוין רייבן זיך פרומע הענט,
קרעמעריש צופרידן — „שלום־על־ישראל־״ יידן.

נישט פאַרטיידיקן קיינעם, נישט קיין דין־תורות פירן,
ביי גאָט אפילו קיין גערעכטיקיט נישט מער זוכן ;
אָ, און זאָל ער זיך צעהילכן איצט מיט אַ תוכחה,
זיך אליין, כביכול, חלילה, נאָך צו פאַרפלוכן.

— — — — — — — — — — — — — — — —

יג.

. . . די וואָס האָרכן זיך צו אין טיפסטן אינעווענדיקן,
צו שטילסטן באַוועג, און נאָך שטילער דאָס זיך צוהערן ;
אויף קיין רגע אין אייגענעם האַרץ ס׳טוט נישט אויפהערן,
דאָס געשריי אין די גאַז־קאַמערן ביים „פאַרענדיקן״ ;

פון קולות, אזעלכע, ווילדע לייבן צו בענדיקן,
טענער־תנועות גיפטיקע שלאַנגען שוין צו באַשווערן,
מוזן געזאַנגען, לעצט־אָטעמדיקע, אויסגעהויכט ווערן —
קיינמאָל נישט אויפצוהערן, אייביק נישט צו ענדיקן.

און נישט אויף אַ בלאַט־פּאַפּיר זיי ווערן אויפגעשריבן —
אויף אַ קופער־פּלאַט מיט הייסער נאָדל איינגעקריצט —
אין אייגענעם האַרץ ! און איז וואָס, אַז זידיק בלוט אויפשפריצט ?

אַזוי טראָפּ נאָך טראָפּ פאַרגאָסנס ווערט צונויפגעקליבן !
ווי ירמיה׳ן, ווייאיק־טיף, גלויביק־גליאיק, ס׳מוז געלינגען,
אַז אונזער געזאַנג, מיט איכה־ניגון, ס׳פאָלק זאָל זינגען.

## צום בוך ווייטשעפל

ווייטשעפל און דער טאוער

אַ נעסטל אונטער אַ טורעמל פון טאוער,
איז ווייטשעפל צוגעקלעבט צו לאָנדאָן די שטאָט,
און פון ווו נאָר אַ פויגעלע אָנגעפלויגן,
אַ וואַרעם ווינקעלע עס האָט, אויף גאָטס באַראָט.

דאָס געשוויבל און דאָס געווידמע אין די נעכט,
ס׳געטשוויטש ווען אייערלעך ווערן אויסגעבריט גראָד ;
אויבן איבערן קאָפּ פלאַטערט דער רויב־פויגל,
און אינם נעסטל — געטוליעט זיך און געפּאָרט.

„אָ, ווי געוואַלטיק ס׳מוז דאָס זיין אַזאַ מין כרך,
ברויזעלעך פאַר אַלע עופלעך אָפּגעשפּאָרט.
שטעלט זיך אַ פייגעלע אויף שפּיץ־טורעם גאַנץ פרי,
און צעזינגט זיך מיט אַזויפיל האַרץ און גענאָד.

דער גערודער, דער גערויש רעדל אין רעדל —
אויף טויזנט־און־איין־ראָד דרייט זיך הינטן די שטאָט !
פאַלט ס׳זינג־פייגעלע פון שפּיץ־טורעם שיער אַ ראָפּ,
און איבערגעפאָרן פון אַ יאָגנדיק ראָד.

## ווייטשעפל און וועסטקליף

אַ שטוב מיט אַן אַלקער ס׳איז ווייטשעפל און ווּעסטקליף,
דער „פּאָב״ פון פּאָפּלאַר — די „פּלעזשער״־פּלאַזשע אין סאוטענד ;
פאָרט צוריק אַ ייד מיט פרישע כוחות פאַר דער וואָך,
אַ גוי — די „ווּעדזשעס״ פון דער וואָך זונטיק שוין פאַרשפּענדט.

נישט איינמאָל, אַ פאַרשכורטער פון צער און פון פרייד,
מבושימדיק געוואַקלט ביים ברעג, אין אַ לבנה־נאַכט ;
איצט רו איך אויף אַ לענשטול, אַן אויסגעניכטערטער,
אַ ווייטשעפּלער ייד, קרענקלעך־פאַרשמאַכט און אָפּגעשוואַכט.

שטייף דער רוקן, דער קאַרק, אין שלייף אַן אָדערל צוקט,
ס׳ציט אַהאַנט, ביים פוס ס׳כאַפּט אָן — ממש אַ מאַריאָנעט ;
אַ שפּינגע־דעגינגע ספּרונזשענע שפּרינגט נאָך דאָס האַרץ,
און דאָס מויל אַן אויטאָמאַט, ווּוי פון היץ רק עס רעדט.



גרינלעכע שאַמפּאַניער־ווייַן־פּלאַשן, אויפגעקאָרקטע,
אַמאָל די צעשוימטע כוואַלעס אין די נעכט געווען ;
פולע לבנה — דער אויפגעהויבענער בעכער,
מיין פנים צעשפּיגלט דערין — כ׳האָב פינקלען געזען.

איצט זיץ איך אויף לענשטול, ווי יום־כפור צו נעילה —
אַ פלעשעלע חלשות־טראָפּן ס׳איז יעדע וועל !
ווי וויל איך מיר ס׳האַרץ דערכאַפּן מיט יעדן אָטעם,
אַראָפּ היסטן פון דער ברוסט אַ שטיקנדיקן קרעל.

וועל איך מיט דערפרישטע כוחות נאָך פאָרן צוריק,
אָדער איז שוין מיין לעבן פאַרשפּילט גאַנץ און פאַרשפּענדט ?
אַ שטוב מיט אַן אַלקייר ס׳איז ווייטשעפּל און ווּעסטקליף,
דער „פּאָפּב״ פון פּאָפּלאַר — די פּלעזשער־פּלאַזשע אין סאוטענד.

## „סאוטענד-אילומינירט״

(ים־באַלאַדע)

„דער גרויסער בער״ אין דראָטן פאַרצויגן,
„דער הונט״ אויף אַ קייט זשמורעט ביז די אויגן :
בילט ער נישט אויף אַ פּאַפּירענעם לאָמטערן ?
„די בתולה״ צו געפינען דאָ איר׳ס גלייכן,
אַליין זיך אַראָפּגעלאָזן פון די הייכן :
זיך פאַרגלוסט איר, גאַנץ עמעצן צו געהערן.

יאָ, און באַקומען דעם ריכטיקן חתן !
זע, ס׳האָט זיך אַ „מילך־גאַס״ דאָ אויסגעגאָסן —
די שפּאָרע בריסט אַ פּאָר אויפגעדרייטע קראַנען !
ווי עס פליסט, ווי עס גיסט, נישט אָפּצושטעלן,
אַ פערפּלייצעניש ! ווי איז אייך געפעלן,
פון ליכט, פון פלאַמען — — ראַטעווען זיך פון דאַנען !

אַנטלויפט ער, דער ים, ווי ווייט ער קאָן לויפן !
דער שפּינג־דעגינג פון שפּרונזענעס און שרויפן,
וואָס דאָס קאָן אָפּטון, ווער קאָן פון פאָראויס זאָגן ?
ער צעקאָכט זיך מיט שוים אויף די ליפּן,
די כוואַליעס איינס ס׳אַנדערע איבערהיפּן —
צעהירזשטע פערד אין אַ געיעג זיך יאָגן :

וויי, ווענוס שטייט אַ נאַקעטע אינגאַנצן !
די מאַריאָנעטן, וואָס רק נאָר זיי טאַנצן —
דער „מזל תאומים“ ! צוויי פאַרליבטע קינדער —
— — — — — — — — — — — — — — —
שפעט, האַלבע נאַכט, אויף וואַקלדיקן שטעקן,
פאַמעלעך קיינעם נישט איבערצושרעקן,
צום ברעג צוריק דערטאַפט דער ים זיך אַ בלינדער :

שטיל שוין די מאָטאָרן, זשאַווער די דראָטן — —
אַ מעטעאָר פאַלט ווו און ווערט צעשאָטן,
אונטער אַ גאָלד־צעשטערנטן רעגנבויגן,
איבער זיי די לבנה גרויס אויפגעלויכטן,
פון ים אַרויס קאָפ אין פערל פריש־געטויכטן —
זיצט אַ פאָרל און קוקט זיך טיף אין די אויגן.

קוים זיך אַ באַוועג צו טון בלייבט ער ליגן,
פון נחת ברומט ער זיך אונטער אַ ניגון,
אזוי זיך צו ליגן, זיך וויגן, און זינגען — —
עס אַריינכאַפן איידער טאָג ס׳וועט ווערן !
דאַכט זיך די מעוועס לאָזן שוין הערן ?
און די כוואַליעס נעמען ווידער אונטערשפרינגען.

## אין א וואלקן, א פיאלעטן . . .

אויף האָר־שפעלטל שוין אויסגערעכנט,
יעדער שפרינג־דגינג, יעדעס שרייפל ;
האַלב ביים ווענטל, האַלב נעמט צו דער ים,
אַ געשפריץ פון חיסר און כיפל.

אויף דער מינוט און צו דער רגע,
אלצדינג ווי ביים שנירל געצויגן ;
אַ דריק ביים קנעפל און ס׳טאַנצט דער מענטש,
און ראָקעט צו דער לבנה געפלויגן.

און זע, די מענטשן — מאַריאָנעטן,
אין איין פעסטע האַנט אַלע פעדעם,
און ווי ס׳קלאַפט דאָס צו דער סעקונדע —
עס ציט זיך די וועלט כימי־קדם.



„כשם שאני רוקד“ פאַר גאָט,
כך אַצינד פאַר מעשענעם קנעפל !
בלויז אָן טיפן דריק, אָן צי ביים האַרץ,
ווי וועט זיך באַלד פערדרייען דעם קעפל.

אַ קניפל אין פאָדים, אַ ריסל,
און עס פאַרפלאָנטער זיך אינגאַנצן,
און אַנשטאָט אין פאָראויס — צוריק גאָר,
נעמען אַלע „ס׳רידקל“ טאַנצן.

איך שווים, איך זשים, אויף אַ טרוים איך שוועב,
אין אַ וואָלקן אַ פיאָלעטן —
כ׳בין אַ טאַנצדיקער מינועט,
כ׳בין אַ פאָעט צווישן פאָעטן ?

דער ים, דער מענטש, „לעמוסי בטן“ — —
ווי ס׳הענגט אַלץ ווונדערלעך צוזאַמען !
ביזט דו עס אַזוי געטלעך צעשיינט,
איז עס דאָס פנים פון מיין מאַמען ?

ס׳גייט, ס׳קומט, דור הולך ודור בא,
ווי דער ים, וואָס וויל נישט אויפהערן !
פון דער שטערן, פון די גלגלים,
דאָס געזאַנג מיינע אוירן הערן ?

ווען איך האָב די אויגן געעפנט,
שטייט איבער מיר אַ מעשן־קנעפל :
„פאַרשפעטיק ?“ שמייכלט ער צוויידייטיק,
„דעם לעצטן נאַכט־צוג קיין ווייטשעפל ?“

## דער יינגער מאריס ראזענפעלד אין ווייטשעפל

אין שניידער־געסלעך אַ טויט־הונגעריקער ער שפאַנט,
פון בוזעם־טאַש שפיץ־שער, אַ צינגל־שלאַנג טוט אַרויסשטעקן,
צישט ציינדלדיק־געקריץ אין זיין צעשורהטן שטערן ;
מיט שוואַרצער טשופרינע, מיט אַ כמאַרע עס צו פאַרדעקן,
זיין שטייפן נאַקן ער טוט אַזאַ שאַרף־צעכעסטן וואָרף :
כאָטש אין אַ טונקל ווינקל אַ טויטער הונט מיך אויסשטרעקן.

ווי נערוועז דעם שפּיץ־וואָנס האַסטיק־גיך ער נעמט אים דרייען,
זאָל ער זיין שאַרף־פאַרעקשנטן ליפּ־ווינקל צודעקן:
ווער ברויך דען צו זען, ווען ער ציטערט אַ טיף־פאַרבענקטער,
און ווען מיט ניכטערן שפּייעכץ ער טוט אים פּייכט באַלעקן — —
מיט וויפיל גוטסקייט זיינע אויגן ווערן אָנגעפּולט,
אַז זיין שאַרף־שפּיציקער בליק די קינדער זאָל נישט דערשרעקן.

אַמבעסטן איז אים אין די פאַרטונקלטע נעפּל־טעג,
ווי אין אַ געדיכטן וואָלקן ער טוט זיך גאַנץ פאַרשטעקן;
נישט דעם טראָט פון זיינע צעווייקטע צעטרעטענע שיך,
ער הערט דעם שפּיציקן קלאַפּ פון זיין פערעקשנטן שטעקן:
„איינס־צוויי, איינס־צוויי, איינס־צוויי", טויט־דערשראָקן זיין האַרץ
בלייבט שטיין:
אַן אָדלערל אין זיין פוכיק־ווייכן נעסט נעמט זיך וועקן.

## לעיעלעס

דער בעל־יובל־השבעים פון „די יונגע"

ראָזענפעלד איינגעפּעדעמט דאָ זיין נעדעלע דין,
אויסצושטעפּן רחמים־געזאַנג אויף זינגער־מאַשינען;
לעיעלעס — אַ פּעדעמל פון דאָ מיטגענומען,
דאָס גרוי׳סטע, צווישן די פאַרביקע מיט איינצושפּינען.

ווי לייכט עס טיף אַרויס פון די גילדענע דרימען —
אויפגעגאַנגענער שאַריען אין גרויען באַגינען;
גרינג קאָלירל צו קאָלירל לייכט צוצופּאַפּן,
דעם טיפן סוד בלויז, מען מוז אים נאָר שטילן אויסגעפינען.

פאַרביק זומערפייגעלע זאָל פרילינגדיק אַרויס,
ווי מוז עס זיך צוערשט אין אָסיען־נעפּל איינשפּינען;
פון פאַנצערל ווי צעשפּרייט עס גרויס דאָס פליגעלע,
ווען פון שפּינגעוועב אַרויס ס׳געלינגט אים צו אַנטרינען.

אָן אַ גרויען דרים ווערן אַלע גילדענע בלייך,
מוז מען אים ליכטיק פון פינסטערן האַרץ אַרויסשפּינען!
גלייך ווי ס׳פאַלט פּעדעמל ליכט אויף פאַרנעפּלטן גאַנג,
דורך ענגער טיר־שפּאַלט, אַזוי געזאַנג טיף פון דרינען.



## „אין בראָנזענעם ארון"

שרייבן אַ ליד איבער ראָזענפעלדן,
זינגען צו לעיעלעסן אַ הימנען,
און דיין נאָמען, גלאַטשטיין, פאַרשווייגן?
צי קען זיך אַזוינס אַמאָל פאַרגעסן,
ווי דו האָסט געטון טון שיני מייקן
אין ארון הייליק אַריינלייגן?

נישט מיט געפּרעפּלטן טרערן־גיסן,
געפּערלט־גרימירט גראַמען־גרימעניש,
מיט חלות־און הבדלות־פלעכטער —
מיט זיין ליד הייבן מיר אָן אויפסניי ערשט!
פון מייקן ווי ער ליגט אין זיין ארון,
וואָס קאָן שוין זיין נייער און עכטער?

סודותדיק־שלאַנק ווי שטייען די צוויי פיס
שעמעוודיק־שטאָלץ צוקאָפּנס איר שיני׳ן —
נשמה־ליכט איבער אַן ארון!
נישט בלויז זיין טאַטנס באָרד, זיין מאַמעס רייד,
דער וועש־שטריק, די שלעפּ־שיפן צומאָל,
זיך איינגעשניטן אין זכרון.

מיצקי־דרינען, אַן עיקר־שכחתי,
מיך דערמאָנט אין אַ „פּערז־פיס" פונם ליד —
איר וועט עס מיר מוזן פאַרגעבן!
דעם יונגס ווייטער שפּיי, גלאַטשטיין, איז אַשנ׳ס,
אַ נאָנטער, אַ ממזעריש־אייגענער —
מיר זאָלןביידע אַזוי לעבן.

מיר וועלן מוחל זיין אונזער אַש׳ן,
גילגול־מחילות מיט אים אַדורכמאַכן,
וואָס מיר זאָל צו אים נישט האָבן — —
איין שפּריץ פון שלום אש׳ס לעפּצן מער ווערט,
ווי דאָס קיי־און שפּיי־געקלעפּעכץ עפּשטיינס.
אויף סמענטאַרזש זיך לאָזן באַגראָבן,

ס׳ביסל אייביקייט זיך צו זיכערן ?
ווי טרויריק מיט אַזאַ אומשטערבלעכקייט,
אויב אין יחוס מ׳מוז עס איינקויפן ?
דער שפּריץ פון צווישן די ציין פון מייקס יונג,
הייליקער ווי דער פונם „רויטן דיען״,
דעם טויטן זשייקאָב „אָפּצוטויפן״.

אַ קלאָג איבער זיין מאַסקן־טויט פּנים,
ווי ער האָסט אונזערס, גראַניטשטיין, פאַרשוואַרצט —
איבער זיין בראָנזארון צוקאָפּן,
שטייען נישט ווי איבער שיני מייקן,
צוויי שטאָלצע פיס, זילבער־שלאַנקע לייכטער,
ברענענדיקן בליק צוצעטראָפּן.

וואָלט ער געבליבן מיט אונז אויף „איסט־סייד״,
דאָ אין אונזער „מלוכה פון צוועלף בלאָק״,
אונטער די „רויך פאַרזשאַווערטע דעכער״ — —
סדנא דארעא ! איין הייפעלע ערד
מיט אונזער בלוט גוט אַדורכקנעטן
לעבעדיק אָטעמען די נאָז־לעכער — — —

כ׳האָב מיך באַמיט, בין אַהיימגעגאַנגען,
אויפגעזוכט אין „מיין גאַצער מי״, מייקן,
מיין טרויעריק האַרץ מיר צו שטאַרקן :
אַנטלויפט מען פון „פרומען וואַסער־טרעגער״
בלייבט מען אויף „בית־עולמס פון יענער זייט״,
נישט מיט אונז מער הינטערן פאַרקן —

נישט אַ סך אייביקער ווי גליצנשטיין,
ניין, כאָטש „געקלעטערט האָסט צום סאַמע שפּיץ״ —
אָ, נישט ווי מייק — ווי אַ בעל־ביתל,
געגעבן אונז מיט זיין דלאָט איבער קאָפּ,
הינטן אַרום, נישט פּנים אל פּנים
מיט פויסטיקן „לא תעשה לך פסל״.

שפּייען גאָט אין פּנים אַריין, אויב מ׳קאָן,
מיט פינגער־נעגל אים שלאָגן צום קרייץ,
אָבער אַ מענטש, אַ שוואַכן יידן ?
איך פאַרשטיי אים, לאָזן זיך באַגראָבן,



מיט אַזאַ „ראַבייס״ גלאַטן געפּרעפּל ?
אָבער פונם דיען ? רו אין פרידן —

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין איסט־ענד, ווי דער יינגער ראָזענפעלד,
אויף דער עלטער, מיט פאַרביסענער פויסט,
גליצנשטיין דאָ געשפּאַנט נישט דערעסן,
און וואָלט ער יינגער אַהערגעקומען,
ער וואָלט זיך גענומען — מיט זיינע הענט !
טאַנדעט־הויזן אונטערצופּרעסן.

און דו, ווען דו פאַרוואַלגערסט זיך אַהער,
מיט מייקס „דינעם״ שפּריץ צווישן די ציין : „צישש !״
זיכער געוואָרן אַן אויבער־פּרעסער.
און וואָס שוין געווען גאַנצער דזשייקאָפּ דאָ ?
נישט ראָדען — (אַן איינשטיין אין זיינע הענט !)
פאַר „ליידיס״ אַ גוטער „הער־דרעסער״ —

פיין די האָר פאַרקעמט, אין צעפּ פאַרפלאָכטן,
אין בייגל זיי געלייגט אַרום שטערן,
אין פעלטלעך אויסגעגלעט די באַקן . . .
אַ פעלדזן־האַרץ נעמט הויך שלאָגן, ראָדען,
פאַרשטיינערט מירמלשטיין נעמט שטיל מירמלען,
דיין האַמער גענומען האָט האַקן.

שטיל מ׳גייט פאַרביי פאַר דיין שלאָפנדיק קינד,
מען זאָל עס חלילה נישט אויפוועקן ;
ביים „קוש — מ׳זעט ציטערן דעם נאַקן !
עפּשטיין ביים לעבן אַ לעבן געמאַכט,
„ליידיס״ הבדלה־צעפּלעך פאַרפלעכטן,
וועט ער אומשטערבלעך בייגל באַקן —

„אויסגעפּראַנטעוועט״, אַ שר האופים,
אַ באַקאַדייזשע — בראָנזענער ארון :
„מיין ,אַדאַמ׳ס פּיסק קאָן אַריינהאַקן,
אַ גאַנצן מיל־שטיין קאָן ער צעגריזשן !
אויף בית עלמינס איצט מ׳עסט בייגל מיט אַש,
ס׳שפּריצן נישט מער די ציין — זיי קנאַקן...״

## דוד באַמבערג

„געהערט אַזאַ נאָמען, דעויד באַמבערג ?
איך האָב דעם מאָן היינט קובר געווען ;
באַגראָבט מיך נעבן מיין טאַטנס קבר׳,
זיין פרוי אין זיין צוואה געלעזן,

„און זי האָט אים אַליין אַרויסגעבראַכט״.
איך קוק דעם רעוורענד אָן ווי אַ ווילדער
„ווייסט איר ווער ער איז״ ? ציטערט אויף מיין קול :
צוזאַם מיט דעגאַ אויסגעשטעלט בילדער״.

„און ווער איז דאָס דער״ ? קוקט ער פאַרוואונדערט :
„וואָסער נאָמען ? דעגאַ, זאָגט איר, הייסט ער ?״
אַ שווייגנדיקער כ׳לאָז אַראָפּ מיין קאָפּ,
כ׳גיי ווייטער אָן אבל אַ געטרייסטער . . .

און פאַר מיין בליק : שווער הענגט נאַסער נעפּל,
זיין פרוי, אויף זיין האַנט קינדער אירע ;
צוזאַמען מיט זיי צווישן קוימענדלעך,
כ׳קלעטער אַרויף אין זייער דאַך־דירה.

מסתם אין באַהעלטערלעך צו שפּילן,
אויף אַ בוידעם ווו אַרויף מיר קריכן — — —
אויף זיין פּאַליטע — גרויט אַ שטיק נעפּל,
פּעטלע־שטריק — די געצויגענע שטריכן,

אָ, ווי זיין מרה־שחורהדיקע בליק,
האָט זיך שטילינק געלאַשטשעט מיט מיינעם !
ווער קאָן אַזאַ שווערקייט אַרויס הייבן,
כ׳וויל מיך צעוויינען מיט אים אינאיינעם —

און כ׳דערצייל אים פון זיין טאַטנס שטעטל,
נישט שאַגאַלס איבער דעכער געקראָכן,
פון סוטינס — איינגעגראָבן אין דער ערד — — —
זיי פרוי קוקט : רעד איך נישט פון וואַן גאָכן ? . . .

ווען נישט דו, דעוויד, אין יענע טעג דאָ
כ׳וואָלט ווי אַ ליכט פאַרלאָשן געוואָרן,



און אַצינד, אַ קינד אַרויסגעטראָגן דיך,
דיין ווייב, צו דיין טאַטן אינם ארון.

## יאנקל אדלער

אויף אַ בריוול, „ווען נישט אונזערס גוטער פריינט
וואָלט יאַנקל אדלער צווישן גויים געווען באַגראָבן״,
האָט זיך אויף דער גיך נישט געאיילט ענטפערן :
אָבער וויפיל יידן ווילן זיינע בילדער האָבן ?

האָט יאַנקל שוין נישט געמאָלן יעזוסן,
נאָר אין טלית און תפילין אַ יידישן זעלנער ;
נו, איז ער געזעסןביים קאַפע־טישל,
און פאַר אַ טעפּעלע קאַווע געצייכנט דעם קעלנער —

געצוימטער צער אויפגעצאַפּלט אין אַ טאַנץ,
אַזוי האַרציק און גאַנץ — — — דער לאוו „לא תעשה לך פסל״ ?
מיר האָבן נאָך אין לאָנדאָן יהודימלעך,
וואָס שטעלן, ברוך השם, אין יום־כפור אויף אַ „רעסל״,

און גבירימלעך מיט גאַנצע גאַלעריעס,
וואָס קוקן אויף די בילדער, ווי הענער אין „בני־אדם״ ;
איינגעראַמשט, ווי אויף בערזע ביליקע „שערס״,
און האָפן לימים, צו פאַרקויפן אויף לאחדים.

דער גוג־מגוג־טרוים פון אַ געטאָ־טרוימער,
אַ וואָן גאָך, אַ פאַרהונגערטער אויף אַ בוידעם־קאַמער,
וואָס זיין אומשטערבלעכקייט שפּעטער פאַרקויפט ווערט,
פאַר הונדערטער־טויזנטער אונטערן „אוקשן״־האַמער.

יאָ, וואָלט דער פריינט נישט געשטעלט דעם מצבה־שטיין,
זיין פאַריתומט קבר נאַקעט־פאַרשעמט נאָך געשטאַנען !
אַצינד, ער שטייט, האָט ווער אַ בלומל געלייגט,
אַן „אל מלא רחמים״ מאַכן, ווער אַרויסגעגאַנגען :

נישט אַ יעזוסקריסטוס — אויף גויאישער וואַנט
כ׳האָב געזען הענגען זיין זעלנער אין טלית און תפילין — —
ווי ס׳האָט געקנוילט אין האַרץ, געוואַקלט די קני,
דעם צאַפּל אין מיר איך האָב אים קוים געקענט איינשטילן —

פאַר שאַנד מיין פּנים אין די הענט באַגראָבן !
איינגעפאַלן די מויערן פון אונזערע געמאַרקן,
לאָמיר זיך שטאַרקן, רואיק איינצוליגן,
אויפן יידישן בית־החיים הינטערן פאַרקן.

## אברהם וויעוויארקע

ווי זיין טאַטע האָט דעם חלף געשטעלט,
אָן פגימה, אַזוי ער — זיין געדאַנק ;
אָבער נישט בלויז אַ חלף שלייפט זיך אויס,
אויך חריפישער מוח, פיקחותדיק־בלאַנק.

אין די נעפלען דאָ זשאַווערט צומאָל שטאָל !
און ווי האָר־שאַרף אויסגעגלעט, דינינק־גלאַט,
ווי מיט אַ בויגן מיט אים צוציען — —
בלאנקער קלינג אַ פרישן פגם גאָר געהאַט.

ווי זיין „מיידל" ס'האַרץ אויסגעוויגן דאָ,
אויף לויט — אויף וואָגשאָל שטאַרקער פונם טויט !
און אַ וואַקלדיקער, ווי זיין „כייקל",
איינגעפאַלן זיין וועלט, וואָס אויפגעבויט.

ווייט־ווו, ווי אַ וויגע־ווינט ויסט פערווייט,
געזען אים ווער פאַרוואָרלאָזט, בלינד און קראַנק,
אָבער ווי זיין טאַטנס שאַרפער חלף,
אָן פגימה, אַזוי געבלאַנקט זיין געדאַנק :

מיט בלישטשענדיקן בליץ־בלאַנקן קלינג,
אָן פחד געגאַנגען כ'בין איבער אלץ,
מאַכן ציטערדיק־נאַרישע שהיות,
איצט, ווען עס גייט אין מיין טריפענעם האַלדז ?

פאַר זיין בלינדן בליק, זע, ס'ליגט זיין פאָטער,
אַ געקוילעטער אָקס פאַר זיינע פיס ;
און ווי דורך אַ נעפל זעט ער יענע,
שטילינק הערט ער, בעטנדיק איר קול : „שיס"

שטייט ער מיט אַ בינדע אויף די אויגן ?
אַזוי לאַנג דויערט לעצטער אויגנבליק ?



פאַיאַציש־שאַרף פאַרציט זיך זיין שטערן :
צו הערן דעם פיסטויל־שאָס אין זיין „שטיק" —

הויך אויפשיסט פליענדיקער מעטאָר,
צוצופאַלן פאַרשטיינערט צו דער ערד — —
פאַר דער וועלט אויפגעבליצט אין זיין „דמיון",
אַ קרישקעלע, אַ לייבהאַפטיקס, ער ווערט.

## א לעבן אויף אייך דארט . . .

באמת, אַן עוולה גדולה נישט צו דערמאָנען,
האָט ער דאָך דאָ צרות אונז אָפּגעטון און זיך אויך ;
מילא, אַז דער מאָגן ליידיק און נישט פול דאָס האַרץ,
טראָגט מען זיך אַרום מיט אַן אויפגעבלאָזענעם בויך.

גרויס ווי יעסענין, צי אַ בעל־כוסה ווי יענער,
אויב נישט עכט, בלויז נאָכגעמאַכטס, וואָס שוין דער אונטערשיד ?
ס'ערגסטע, וואָס אַ מבין אַ ייד, פאַרשטייט זיך בעסער,
ווי אויף אָנגעשטעלטן טרונק, אויף איינגעמאַכטן ליד.

אונזער געזאַנג — „על כל פשע תכסה אהבה" !
אָבער אָנגעהויבן טשאַדען פון שטעטל דער רויך — —
איז ווער זעט נאָך די פייגל, וועם גייען זיי שוין אָן,
ווי שיין זיי זאָלן נישט זיין, זייער פליען ווי הויך ?

וואָלט ער דאָ געבליבן, ר'וואָלט שוין בייגל געבאַקן,
אויף יענער וועלט ! דאָרטן, עסט ער זיי געשמירט — אויף דער ;
וואָדקא פון פלעשל ? זיינען נישט פאַראַנען „גרעסען",
דייטש, ענגליש ? וואָס טרינקן פון קעלישקל ליקער ?

אַ לעבן אויף אייך דאָרט, בלויז אַ בייז אויג נישט שאַטן !
טאַקע, אַז וועלט „טשאַדעט" אַ וועלט, פאַרוואָס נישט מיר אויך ?
שוין עפּעס גרויס'ס אויסדרייען — אַמבראָזיש־לאָמבראָזיש !
האָט יונה זיך נישט געראַטעוועט ביים פיש אין בויך ?

„יידיש ? מיר שרייבן מיט העברעאישע אותיות !"
זיך שוין אַרומגעדרייט דאָ ווי פאָט און פאַטאַכאָן :
סאַנשאָ פאַנשאַ נעבעך פאַר טעלער זופּ, דאָך קיכאָט —
פאַר כוסה, וואָס נגידל געשטעלט פאַר „באַדאַכאָן".

אי״ה אויף קנס־מאָל איינלאַדענען ביידע,
אים, די כלה צו באַזינגען, ווי ער קען — מיט כוח !
און סאַנשאַ, זעט ער נישט אויס ווי אַן עכטער שדחן ?
ס׳בייכל אים אָפּרח׳שן מיט דער גילדענער יויך —

אויפן אויסגעבעטן כלה־שטול אים באַזעצן !
גיי און שרייב אין עברית מיט זיבן גרייזן נח ?
ערשט, ער אליין זיין ליד אויף שיילעקיש איבערזינגטס,
די גאַנצע ענגלישע דיכטונג דעמלט ווער נאָך ברויך ?...

## מיט זיך אליין דא

אַן אויסגעלאָשענער, פינסטערער,
ער זוכט קיין מענטש מער מיט אַ לאַמטערן ;
ער ברויך שוין קיינעם נישט, צו ווענען,
צו ריידן, צי עמעצן אויסהערן.

גוט׳ס ? שלעכט׳ס ? וואָס ווייסן מיר וואָס אַזוינס ?
דער עיקר עפּעס אייגנס פאַרמאָגן ;
ס׳המצאהעלע ליגט אויבן אויפּעט,
און די ביטערקייט — ס׳לעצטע אויסנאָגן.

דרייט ער זיך אַזוי אַרויף אַראָפּ,
אויף טראָטואַר רחבותדיקן ברייטן,
ווי ער וואָלט צווישן סעדער שפּאַצירן,
און ביימער שטייען פון ביידע זייטן.

פון די טישלעך שמעקן די פּירות,
פון די שטייגלעך אַרויס זינגען פייגל ;
ווי מיט וועם, רעדט ער מיט זיך אליין,
טיף אין זיך אַריין, זשמורעט זיין אייגל :

„גוט, ווען מייזלעך קריכן אויפן טיש,
אַ צייכן אַז נאָך דאָ ברייזעלעך ;
אַ סימן מובהק אַז מען לעבט נאָך,
אויב אויף קאָפּ קריכן אַרום לייזעלעך ;

„בלויז, אַז אָפּן שוין ס׳מויל פון קבר,
און די עכברים גריזשען און פרעסן,



די ווערעם סלינען די געדערים — —
און דו גלייבסט נאָך אַלץ ?״ „טאַקע פון דעסן :

„עס פאַרדרייען זיך די מיקראָבן,
זיי פאַרצערן זיך איינער דעם צווייטן —
מיט זייערע טויטע פגרימלעך,
אַ ניי לעבן אַזוי צוצוגרייטן״.

שטעלט ער זיך אָפּ, ווי געפינען וואָס,
אָנגעלענט אויפן שטאַנג פון לאַמטערן,
און שוין אזוי פינסטער שטיין בלייבן,
ביז דער לאַמפּ אָנגעצונדן וועט ווערן...

## דער ייד אין גאס

כ׳בין אַרויסגעגאַנגען אַ מרה שחורהדיקער
אויף אַ גסיסה־ליגנדיק ווייטשעפּל געסל,
אַ ייד, אַ קרוב שמונים, קומט מיר אַנטקייגן,
כאַפּט זיך צו מיין האַנט, ווי אַמאָל צום הייסן פרעסל.

אַ ייד קוים וואָס ער האָט געלערנט דאַווענען,
אין קיין שום לשון נישט שרייבן, נישט לעזן קען ער,
און ווי ער האָט גערעדט, דערציילט פון שטעטל — — —
אַ „טיימס״־לייענער, אַ שעקספּיר־און פרץ־קענער,

נישט מער, ווי ער, ווייס, וואָס געווען און וואָס ס׳וועט זיין — —
מיט טרערן אין מיינע אויגן בין איך געשטאַנען,
געהערט, געהערט, מיין האַרץ האָט גלאַכט און געוויינט,
און בין אַ געטרייסטער יתום ווייטער געגאַנגען.

אָבער ווו זיינע קינדער, זיינע אייניקלעך,
אַלע איבערגעלעבט, קיין איינס נישט מער פאַראַנען ?
ניין, די האַרבע פראַגע איך האָב אים נישט געשטעלט,
מיט מיין שכל־הישר אַליין שוין פערשטאַנען :

יאָ, אַז אונזער איינס, פאַרן לחם־הפנים,
ווערט מען אין ישראל אַ כנעני, דאָ כאַטש אַ יויקל,
ערשט האַרעפּאַשניקלעך, אויפגעפּאַשעט שוין דאָ —
אַ קולי שוין פאַרן פּאַסנעם לחם הקלוקל...

נאָך גוט, וואָס אַ געדונגענער בציבור נאָך דאָ,
אַ רבנן־קדיש ווו אויף דער גיך אָפּצוזאָגן,
על־רגל־אחת, אַ הינקענדיק צעקרימטן — — —
מיין שריט נעמט וואַקלדיק גיך צוריק אַהיים יאָגן:

מיר איז גוט כ׳בין אַ יתום! אַ קדיש־זאָגער!...
שמייכל איך איבער מיר, מיט פאַרזשמורעטע ברעמען,
אין קאַפּע איצט אַריינפאַלן — אַ מין יוון,
אויג אויף אויג אַזוי זיך אָנצוטרעפן אויף וועמען?...

פריינט וועלן מאָרגן צוקומען צו מיין טישל,
נישט קיין סמוטנעם איוב מער זיי וועלן אָנטרעפן,
אינם האַלדז אַ טרער געבליבן שווער מיר שטעקן,
גאָט, בלויז פאַר דיר אַליין נאָר מיין האַרץ נאָך איך עפן.

## ס׳חתונה־בריוול

ב״ה ה. אלול
קול ששון וקול שמחה, איר זאָלט אייך נישט דערשרעקן,
ווען מיט גרויס מזל ס׳חתונה־בריוול איר וועט קריגן;
קיין מגיפה, קיין פעסט, קיין כאָליערע, רחמנה לצלן,
קליינע קינדער שטאַרבן נישט, חלילה, אין די וויגן.

פון דער מיטה אַראָפּ אַ פאַרבלוטיקט־געשענדעטע,
אַ טויט־באַליידיקטע, די שפחה אַראָפּגענומען — —
אַ חתונה אויפן בית־הקברות — ס׳איז חי־געלעבט,
קאָקלע־קהל, אין עסיק, אין האָניק, אַרויסגעקומען.

דער גערודער, דער געטומל: ס׳גאָרגלט זיך דער חזן,
דער שמש, אַ פאַרקייכטער, שלעפנדיק די פיר דרענגער;
מכוח׳ן סילוק׳ן האַמפּער זיך די מחותנים,
די מחותנעטעס זעען אויס דיקער ווי לענגער.

און ווו קאָן מען נאָך זען, אַזעלכע זיסע תחינה־למפלעך,
פון פאַרצויגן פיסקל אַזאַ מענה־לשון הערן;
אויף אַלע כלים צעקלינגט זיך אַ כ״אל מלא רחמים״,
ס׳שטעלן זיך ווי די באַבעס אין די אויגן די טרערן.

פון שטערן־ליכטלעך ווינקן טענצלדיק ציטער־שפּילקעס,
אויף ברוסט־ברעטלעך בלישטשען ברייטלעך — ברילאַנטענע בראָשן;



ביז אויפן האַלדז אַראָפּ פערלען זיבן שנירלעך טרערן,
ווען דער בדחן, ביים באַדעקנס, צעלאָזט זיך מיט לשון.

ווישט די אויגן אויס, אַ מצווה־טענצל אויפגהאַצקעט,
אָט די טענדע־ווערענדעס וועלן דיך נישט „באַגרעבן״;
דעם הויך־אויפגעגאַנגענעם קוילעטש אויפן קאָפּ!
מיט אַזאַ שפחה אַלע גבירנטעס איבערלעבן.

## די „ארעם־סעודה״ נעבעך...

ממחרת, נאָך דער חתונה די „ארעם־סעודה״!
ס׳האָט זיך געטון אויף בענק און אונטער די טישן,
עס שמייען די סאָרוועס משוגענער־ווייז אַרום,
דער קאָכלעפל האַלט אין איין שוימען און מישן.

בלויז פון דרויב פון די עופות, די קעפּלעך, די פיסלעך,
און ערשט פון נעכטיקן שריים אויף די טעלער,
אַן „אָרעם־סעודה פאַר אַ כאַפּטע אונטערלעקער?
חתונות, אמתע, פראַווען און מאַלצייט־בעלער.

און וואָס קלענער דער עולם אַלץ גרעסער די שמחה!
אַ חוץ עפּעס אַן „אפגעדאַוונטן״ בעל־תפילה,
אַ פאַרשלעפּטע קרענק מיט פעדער שוין אונטער די נאָז,
האָצקעט אַריין אַ חולה־נופל אויף אַ קילע.

יענער מיטן מחיש וואָס האַלט זיך אין איין קוועטשן,
זיצט אויבנאָן, ביים שפּיץ־טיש, אַ ברייט־צעקנעפּלטער!
אַז וויפיל בסך־הכל, נעבעך, געבליבן נאָך?
איינער „אַנאָנגעפּאָרענער״, אַ צעווייטשעפּלטער.

הייזעריקער חזן־האַלדז בלאָזשנט „משברכ׳ס״,
צום טאַקע באַמקען שכור צו די ליידיקע גלעזער:
„מורינו ורבינו הגביר הנגיד״ — — —
די גבאיטעס שנייצן אין די טיכלעך די נעזער.

אַן „אָרעם סעודה״ אויף אַלע קבצנים געזאָגט!
האָט מען דאָס געשנאָשקעט און פופיקלעך פאַרביסן...
בלויז אַן קאַפּעלע נעבעך: די פויק אַ געפּלאַצטע,
און פון פידל די לעצטע סטרונע שוין געריסן.

## מיין זעלבסט-וויניעט

אַ הונט פאַר זיין באַלבאָס׳ טיר,
אויף קייט ליגט ער מיט געביל ;
אַז פרעג זשע אים וואָס ער וויל,
ווען אַוועק איז די דירה,
און גאָרנישט שוין דאָ פון איר ?

איז נאָר געבליבן די שוועל,
אַן אויסגעריבענע בלויז,
רירט זיך דער הונט נישט פון הויז,
ביז ער גייט אויס וואָיענדיק,
און בלייבט ליגן אויף דער שטעל.

בין איך נישט פאַרליבט אין גאָט ?
פאַרראַט אים יעדע מינוט,
וויסנדיק, אַז כ׳טו נישט גוט ?
אפנים, טאַקע אַ הונט,
וואָס אַזאַ מין טבע האָט —

יאָג איך מיך ווילד נאָך מיין עק —
אַ גילגול, אין עיגול־קרייז !
צעגריזשעטער אלף־בית —
צונויפגעשטעלטער שם־שפרוך,
אויף כף־הקלע־אל־די־העק.


### ביכער פון פארלאג „לשון און לעבן“

| | |
|---|---|
| „ווייטשעפל לעבט“ (אַנטאָלאָגיע פון עטלעכע 20 יידישע שרייבער) | 10/- |
| „שיידעוועגן“, אַ בוך דערציילונגען פון י. ביעטש | 10/- |
| „ווידערוווקס“, אַ בוך לידער פון א. נ. שטענצל | 12/6 |
| „טעאַטער־קאַראַוואַנען“, פון ש. י. האַרענדאָרף | 15/6 |
| „פּאַמאַכעט דער כעלעמער פּאָעט“, שמואל וווהייט | 7/6 |
| יובל־אַלמאַנאַך | 15/- |
| גלות און גאולה, פון א. נ. שטענצל | 15/- |

מיט באַשטעלונגען זיך צו ווענדן אויפן אַדרעס פון :
LOSHN UN LEBN, 17, Delamare Bldgs., E.1.

**מיר בעטן אונזערע אַבאָנענטן, זיי זאָלן צושיקן זייער אַבאָנאַ־מענט אָפּצאָל.** דערמיט וועלן זיי פיל פאַרלייכטערן אונזער אַרבעט.






## מיין בן-עיר, ש. בערלינסקי, ז״ל

קעלץ, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אין א שמאָל הייפל, אויף דער אלט־ווארשעווער גאס, — נומער 23, דוכט זיך — האט „געוווינט“ מיין יוגנט־חבר און פריינט, שלמה בערלינסקי, ע״ה. איך זאג „געוווינט“, אין געגנדזונפיסלעך, ווייל שלמהס קליינינקע „דירה“ איז פאקטיש באשטאנען פון אן איינציקן חדרל, אויפן פארטער, וועמענס פענ־צטער איז געווען האלב פארטונקלט צוליב דער שכנותדיקער וואנט.

דארט האט אפגעבידעוועט שלמה, וועלכער איז געווען מיין בעל־יועץ און וועג־ווייזער, נאך ערב דער באקאנטשאפט מיט א צווייטן בן־עיר מיינעם, דעם באוווסטן שריפטשטעלער און דראמאטורג, פישל בימקא, צו לענגערע יארן.

אין ש. בערלינסקיס אביונישן חדרל, וואס האט ניט פארמאגט קיין שום מעבל, מיטן אויסנאם פון אן אייזערנעם בעטל, — אַן א שעניק, אַן א קאלדרע, און אַן א פערינע (אפשר אויך אן א קושן !), איז געשטאנען א קליין הינקעדיקער טיש, אנגעלענט אויף דריי פיסלעך . . . דערנעבן איז געשטאנען אן אלטע, סקריפּעדיקע ניי־מאשין, אויף וועלכער שלמה האט גענייט ביליקע פויערישע היטלעך — „מאטשעיוווקעס“, האט מען זיי גערופן. אין שכנות פון אים איז געזעסן אויף א צעבראכן בענקל זיין „טשעלאדניק“, א יונגל, 13־14 יאר אלט, וועלכער האט די שווארצע גלאנצעדיקע דאשקעס איינגענייט אין די „מאטשעי־ווקעס“.

בערלינסקיס „סאלאן“ פלעגט זיין א מין חברישער רשות־הרבים פאר אונדז אלע, אן אויסנאם. ביי אים פלעגן זיך אויסקאכן אלע שטאטישע נייעס און פליאטקעס ; שמועסן אויף כל־ערליי פאליטישע און ליטעראַרישע טע־מעס ; מיינונגען וועגן די שאפונגען פון י. ל. פרץ, דוד פרישמאן, ה. ד. נאמ־בערג, נח פרילוצקי, הלל צייטלין, און פון אנדערע שרייבער און דיכטער, וואס האבן זיך געדרוקט אין די דעמולטיקע ווארשעווער טאגצייטונגען „היינט“ און „מאמענט“.

ש. בערלינסקי האט אין יענע יארן אפילו ניט געחלומט, אז ער וועט אמאל ווערן א יידישער שרייבער, הגם ער איז געווען א שטארקער מבין און אנאלי־טיקער אויף די שאפונגען פון יידישע שרייבער.

ער איז געווען, ווי מ׳זאגט, „א קבצן אין זיבן פּאָלעס“ און ער האט זיך זייער שטארק געמוטשעט, ארויסצושלאגן פון די פויערישע „מאטשעיוווקעס“ זיין באשיידענע חיונה. אבער בכלל איז ער געווען א „פריילעכער דלות“. געמאכט וויצן, אויף וואס די וועלט שטייט, בעיקר אויף זיין אייגענעם קבצנישן חשבון.

---

שלמה בערלינסקי איז געווען א גוטער, אויפריכטיקער חבר צו אלע, אן

אויסנאם. האט א צוגערייזטער, פון דער פראווינץ, יונגערמאנטשיק, מיט א פעקל כתבים אין בוזעם, געזוכט א הסכמה צו זיינע „שאפונגען", איז ער געקומען פרעגן אן עצה און מבינות ביי בערלינסקי, און היות ווי ער האט ניט פארמאגט קיין קאפיקע געלט ביי דער נשמה, האט בערלינסקי אים מכבד געווען מיט אַ שטיק ראזאווע ברויט און מיט א „געלעגער", טאקע ביי אים אויפן נאקעטן בעטל...

איז א „ליטעראריש מיידל" געקומען קיין קעלץ זוכן עפעס א תכלית, האט זי אויך „געוווינט" ביי בערלינסקי און בינו־לבינו געפירט זיין „באלעבאטישקייט". געשקראבעט די פאדלאגע און אויסגעוואשן א העמד...

בערלינסקיס „טשעלאדניק" (מיין „פרנסה געבער", פלעגט ער אים רופן מיט א חברישער פריינטשאפט), האט באקומען א רובל אין דער וואך „שכירות" פאר זיין 10 שעהדיקן ארבעטס־טאג, מיט אויפרוימען דעם „סאלאן", קאכן טיי פאר די שטענדיקע געסט, „מאכן א וועג" — אלץ פאר דעם איינציקן קערבל...

געדענקט זיך, ווי איצט, א סצענע, וואס האט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון:

אין א געוויסן פרייטיק האט שלמה בערלינסקי אויסגעצאלט דעם רובל שכירות זיין „טשעלאדניק", דעם „פרנסה געבער", און שלמה איז געבליבן נקי־ריין, אן א קאפיקע ביי דער נשמה.

„מייסטער" — האט דער „טשעלאדניק" געוואגט צו בערלינסקי. איך ווייס דאך, אז איר האט מיר געגעבן די לעצטע פרוטה... באהאלט אייך דעם רובל אויף איבער שבת... די קומענדיקע וואך וועט איר מיר אפצאלן דעם חוב...

טרערן האבן זיך באוויזן אין בערלינסקיס אויגן און ער האט דעם „טשעלאדניק" אנגעמאסטן מיט א קוש...

די דאזיקע סצענע האט געשניטן ווי מיט א שארפן מעסער!

די מלחמה־יארן האבן אונדז צעשיידט. שלמה האט זיך באזעצט אין לאדזש, אין דער סאמע געדיכטעניש פון ארעמען, יידיש־פראלעטאריש „באלוט", און אנגעהויבן צו שרייבן פראכטיקע דערציילונגען, וואס האבן ארויסגערופן אסך אויפזען, סיי צוליב זייער קרעפטיקן אינהאלט און אייגנארטיקער טעמאטיק.

די היטלערישע וועלט־מלחמה האט פארטראגן בערלינסקי אין די סאוויעט־רוסישע מרחקים.

אין יאר 1946־באקום איך פלוצים א בוך דערציילונגען, „דור פון בראשית", וואס איז דערשינען אין דייטשלאנד, און א צווייטע אויפלאגע פון זיין בוך „א לעבן גייט אויף", וועמענס ערשטע אויסגאבע איז פרעמירט געווארן פונעם קולטור־פאנד ביי דער ווארשעווער קהילה, פאר דעם יידישן חורבן אין פוילן.

און ווידער ניט געהערט און געזען שלמה בערלינסקי, הגם איך האב געוווסט, אז ער מיט זיין פרוי און קינד האבן עולה געווען (אינעם יאר 1948) קיין ישראל.



הארבסט, 1956, ווען איך בין געווען צוגאסט אין דער יידישער מדינה און זיצנדיק מיט קאלעגן אין קאפע „כסית" אין תל־אביב, קומט מיר אקייגן שלמה מיט א „שלום עליכם"...

נאך א הפסקה פון פיער און פערציק יאר, האבן מיר זיך ווידער באגעגנט... זיך צעקושט און פון אונדזערע אויגן האבן געפינקלט טרערן פון פרייד און נאסטאלגיע, נאך די שיינע, האפענונגספולע יארן אין קעלץ...

אוודאי האט שלמה זיך געעלטערט, ווי מיר אלע עלטערן זיך. אבער ער איז געווען מונטער און פריילעך. דער „אייביקער דלות" האט אים קיינמאל ניט פארלאזט: זיך געעלטערט מיט דער דאזיקער „ירושה", וואס האט אים באגלייט־ווי א שאטן, זיין גאנץ לעבן.

שלמה האט מיר דערציילט וועגן זיינע מוראדיקע טעג און יארן אין סאוויעטישן „גן־עדן", און זיך אנפארטרויט, ווי פאר אן אלטן חבר און פריינט, וועגן זיין שלעכטער, מאטעריעלער לאגע אין ישראל; ווי ער קעמפט ממש 24 שעה אין מעת־לעת פאר שטיקל ברויט און־ער קאן זיך ניט דערקעמפן צו עפעס רעכטס... געהאט טענות און מענות צו דעם און יענעם און זיך געטרייסט, אז ער וועט זיי אלעמען „גובר" זיין. אבער דאס לעבן איז ביטער און הארט, און דער גורל האט אין אים גופא זיך ביטער נוקם געווען!

---

שלמה בערלינסקי איז אוועק אין דער אייביקייט, ניט אויסלעבנדיק זיינע יארן.

לויט מיין חשבון איז בערלינסקי געווען א 65 יאר אלט. אבער מען האט אים ניט אנגעזען די זקנה. איבעריקנס: אין די היינטיקע צייטן איז מען ביי 65 יאר נאך א יונגערמאנטשיק.

שלמה בערלינסקי איז געווען אן אייגנארטיקער קינסטלער; ער האט זיין לעבן־לאנג געקעמפט קעגן דער סאציאלער אומגערעכטיקייט, קעגן דער ביטערער אביונישקייט און מוראדיקער נויט, וואס איז געווען דער ביטערער המשך פון זיין אייגענער ווירקלעכקייט...

בערלינסקיס נאטוראליסטישע דערציילונגען זענען עמאציאנעל און דינאמיש, אפטמאל ממש אויפברויזנדיק, ווייל די דאזיקע דערציילונגען זענען געווען באהאפטן מיט זיין אייגענעם לעבן, אדער גענומען פונעם לעבן פון דער סביבה, מיט וועלכער ער געלעבט, — פריער אין קעלץ, אויף דער אלט־ווארשעווער גאס, און שפעטער אין „באלוט", די מעטראפאליע פון דער יידיש־פראלעטארישער ארעמקייט אין לאדזש.

איז שלמה בערלינסקי אויך מער ניטא צווישן די לעבעדיקע...
כבוד זיין אָנדענק.

### ש. זאלקין

## די פייגל אין הערבסט

די הערבסטיקע ווינטן אויפרעגנד ס׳בלאזן
און רייסן מיט בייזקייט די בלעטער פון בוים,
די פייגל עס האבן דעם וואלד שוין פארלאזן —
די נעסט איז געבליבן א ליידיקע היים!...

די יונגינקע פייגל שוין זענען דערוואקסן
און שניידן מיט פליגל איבער ימים א וועג
צו לענדער, וואו מאנדלען און טייטל ס׳וואקסן
און ווארים־צעשטראלטע ס׳זיינען די טעג.

אין ווייס־דינע העמדער די מענטשן עס גייען,
אויף קעמעל און אייזל מען פארט דארט ארום;
עס דוכט זיך די זייגערס שטענדיק ס׳שטייען —
און אלע ס׳זענען נאך גלויביק און פרום.

אזוי ווי אמאליקע, גאר אלטע צייטן,
ווען לעגענדע האט באהערשט דעם אריענט,
און אין מדבר געזען מען האט אינדערווייטן
א דארן אין פלאמען, נאר ווערט ניט פארברענט.

אהין די פייגל עס הייבן אן צו פליען,
ווי נאר פון צפון דער ווינט גיט א בלאז
און צייטיקע עפל פוןביימער ס׳פאלן
אויף בלעטער געלע צעווייטע אין גראז.

אט דארטן זיך וויגן די פריידנס־געזאנגען
פון ביימער אויף בארג און אין טאל,
וואו א קעניג א פאסטוך איז פארחלומט געגאנגען
און פון יוגנט און ליבע געזונגען אמאל...

### י. ריכטיגער

## יידישע פילאזאפיע און טראדיציע
## די היסטארישע מיסיע פון די נביאים

ד.

ירבעם בן נבט איז פאראייביקט געווארן אלץ „חטא והחטיא את הרבים״: זינדיקער און פארפירער פון די מאסן, ווייל ער האט צוריק איינגעפירט די אלטע טראדיציע פון מקריב זיין אויף במות און בכורים זאלן זיין די כהנים. (מלכים־א י״ג) ירבעם האט דאס געטועט כדי אפצופרעמדן די צען שבטים, איבער וועלכע ער איז געווען מלך, פון בית המקדש און ירושלים, זיי זאלן זיך



ניט ווידער אנטערווארפן דעם מלכות בית דוד. אבער אז דער נביא אחיהו השילוני וואלט ניט געגעבן זיין הסכמה אויפצושטעלן די עגלי זהב, וואלטן די צען שבטים ניט אנגענומען דעם עגל קולט און ניט פארפירט געווארן פון ירבעם בן נבט. א באוויז דערויף געפינט מען ביי די קריטישע דענקער פון די חכמי התלמוד. — אויף יהוא, דעם מלך ישראל, ווערט צוערשט געזאגט: „„ווייל דו האסט געטועט גוטס וואס איז רעכטפערטיק אין די אויגן פון אלמעכטיקן. ... וועלן דיינע אוראייניקלעך זיצן אויפן טראן פון ישראל״, און ווייטער שטייט: „יהוא איז ניט געווען איבערגעגעבן צו די תורה פון אלמעכטיקן מיטן גאנצן הארץ, ער האט זיך ניט אפגעקערט פון ירבעם׳ס זינד״, (מלכים־ב י״א) דערקלערן זיי די סתירה, יהוא איז לעולם געווען א צדיק, ער האט פארניכטעט אלע נביאים פון בעל און צעשמעטערט זייערע טעמפלן, אבער די עגלי זהב זענען פון אים פארהייליקט געווארן, ווייל ער האט געזען די געשריבענע הסכמה און חתימה פון נביא אחיהו השילוני אויפצושטעלן די עגלי זהב. (סנהדרין ק״ב).

אמת ווען דער נביא אחיהו השילוני האט אויסגעפינען אז זיין הסכמה אויפצושטעלן די עגלי זהב איז פון ירבעם בן נבט באנוצט געווארן אין זיין געראנגעל מיטן מלכות בית דוד פאר „מי בראש״: ווער עס זאל שטיין אין שפיץ פון פאלק ישראל, האט ער געשאלטן ירבעם׳ן. אבער ער זעלבסט איז ניט געקומען צו ירבעם׳ן און אים גע׳מוסר׳ט אין דער עפנטליכקייט פאר זיינע זינד, נאר ער האט געשיקט די קללה צו ירבעם׳ן דורך ירבעם׳ס ווייב. (מלכים־א י״ד) זיין הסכמה צו מאכן די עגלי זהב האט דער נביא אחיהו השילוני אנגעשריבן און אונטערגעצייכענט אין דער עפנטליכקייט און די קללה איז פון אים איבערגעגעבן געווארן בסוד, דערפאר האבן די שפעטערדיקע נביאים און מלכים ניט אויפגעהערט צו פארהייליקן די עגלי זהב. געשיכטלעך איז טאקי אנגענומען אז די עגלי זהב זענען געווען אפבילדונגען פון אטריבוטן צוגעשריבן צום אלמעכטיקן אין תורת משה, ניט געצענבילדער, ווי מען זעט דאס פון די ווייטערדיקע ציטירונגען. אין תלמוד ווערט אנגעוויזן, אז אבים בן רחבעם מלך יהודה איז געשטראפט געווארן מחמת ער האט חושד געווען ירבעם׳ן אין מאכן פון די עגלי זהב אן עבודה זרה. (ירושלמי יבמות פי״ו ה״ב) און יהודה הלוי דערקלערט: „די אנהענגער פון ירבעם בן נבט און פון פסל מיכה האבן ניט עפעס אנדערש אין זינען געהאט ווי דעם אלמעכטיקן פון ישראל. זיי האבן מודה געווען אז דער אלמעכטיקער פון ישראל האט זיי ארויסגעצויגן פון מצרים, זייערע נביאים זענען געווען נביאי אמת, זיי האבן גע׳מל׳ט זייערע קינדער, אפגעהיטן שבת און אלע אנדערע מצוות, נאר זיי זענען געווען קעגן „הרחקת הצורות״: זיך דערווייטערן צו מאכן אפבילדונגען פון די אטריבוטן צוגעשריבן צום אלמעכטיקן״... (ספר הכוזרי מאמר ד׳ י״ג־י״ד).

אין אמתן איז דער יסוד פון מלכות ישראל געווען פרומקייט. ווי שוין אין דעם פאריקן ארטיקל אנגעוויזן האט ירבעם בן נבט געטראגן זיינע תפילין א

גאנצן טאג, .סנהדרין ק״א) און ווי עס ווייזט זיך ארויס איז אחאב מלך ישראל אויך געווען א פרומער. אליהו הנביא האט געגעסן פון אחאב׳ס קוך ברויט און פלייש, (סנהדרין קי״ג) און יהושפט מלך יהודה האט זיך משדך געווען מיט אהאב׳ן. (דברי הימים־ב י״ח) אבער די פשוטע מענטשן האבן ניט געוווסט צו אונטערשיידן צווישן בילדער און מעג דינען און בילדער וואס מען טאר ניט דינען, צווישן די אפבילדונגען פון די אטריבוטן צוגעשריבן צום אלמעכטיקן. און די אפבילדונגען פון בעל. דער בילדער דינסט האט זיך דעריבער אין משך פון צייט פארוואנדעלט אין געצנדינסט און איך דער מלכות יהודה איז געווארן אנגעשטעקט פון אים. (מלכים־א י״ד) זיי זענען נזהר געווערן אפילו אויף א קוצו של יוד, אבער מחמת זיי האבן געזען ביי די בילדער נסים ונפלאות אזוי ווי חסידים זען ביי זייער רבי, זענען זיי געגאנגען אין די טעמפלן ברענגען קרבנות, כדי די תבואות זאל וואקסן, די קינדער זאלן זיין געזונט און דעס גלייכן. ווי די פרויען האבן געענטפערט צו ירמיה הנביא: „אזוי לאנג ווי מען האט געריכערט קטורת צו די קעניגין פון הימעל אין די גאסן פון יהודה און ירושלים איז אונז גוט געווען און זינט מיר האבן אויפגעהערט פעלט אונז פון אלעם, מיר שטארבן פון שווערד און הונגער״... (ירמיה מ״ד).

די מיסיע פון די נביאים אחרונים איז דעריבער געווען ארונטערצורייסן דעם שלייער פון פאלשקייט מיט וועלכן מען האט זיך איינגעהילט אין מלכות ישראל און מלכות יהודה דורך דער הסכמה פון דעם נביא אחיהו השילוני אויפצושטעלן די עגלי זהב. זיי האבן באקעמפט עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים, וואס מען האט באדעקט מיט פרומקייט. ווי ישעיה הנביא האט געזאגט: „הערט צו די רייד פון אלמעכטיקן עלטסטע פון סדום פארנעמט די תורה פאלק פון עמורה. צו וואס טויג מיר אייערע שלאכטאפער איך בין זאט פון אייערע קרבנות איך וויל זיי ניט האבן... אייערע חדשים און ימים טובים האב איך פיינד איך קאן זיי ניט פארטראגן, און אז איר שפרייט אויס אייערע הענט צו מיר פארשטעל איך מיינע אויגן פון אייך, אפילו ווען איר בעט א סך הער איך אייך ניט, אייערע הענט זענען פון מיט בלוט. וואשט אייך רייניקט אייך, אייערע שלעכטע מעשים נעמט אוועק פון מיינע אויגן, הערט אויף צו טוען שלעכטס. לערנט צו טוען גוטס, פארשט גערעכטיקייט, העלפט דעם בארויבטן, משפט דעם וואס פייניקט א יתום, קריגט זיך מיט דעם וואס עקספלאיטירט אן אלמנה. (ישעיה א׳) דאס זעלבע געפינט מען אין ירמיה: „פארבעסערט אייערע וועגן און אייערע מעשים וועל איך רוען מיט אייך אין דעם בית המקדש. ניט פארלאזט זיך אויף די פאלשע רייד וואס זאגן אייך אז די גוטע וועגן און מעשים זענען אייער קומען אין היכל פון אלמעכטיקן... איר וועט גנב׳נען, רצח׳נען, נואף׳ן, פאלש שווערן, מקטיר זיין צום בעל, דינען די אלמעכטיקע פון אנדערע און קומען צו מיר אין הויז, וואס טראגט מיין נאמען און מיט דעם וועלן אפקויפן אייערע זינד. איז דען דאס הויז וואס טראגט מיין נאמען א הייל פון פארברעכער אין אייערע אויגן?... (ירמיה ז׳).

אבער די היסטארישע מיסיע פון די נביאים, צו פאַרריכטן די טעותים פון



דעם נביא אחיהו השילוני, האט זיך ניט איינגעגעבן. דער מלכות ישראל און דער מלכות יהודה אז אונטערגעגאנגען וועגן עבודה זרה, גילוי עריות און שפיכת דמים. ערשט אין גלות האבן זיי זיך אפגעוויינט פון בילדער קולט, און די סיבה דערפאר איז געווען וואס די איראנישע שטאמען צווישן וועלכע אשור האט באזעצט די פארטריבענע פון מלכות ישראל האבן ניט געדינט צו בילדער. דאס זאגט עדות גריכישער היסטארי־העראדאטוס, (בוך 1 קאפ. 131) וואס ווערט אויך באשטעטיקט אין ירמיה׳ס נביאות אויף בבל — „פארניכטן וועט מדי יעדן בילדער־שמידט, ווייל פאלש זענען זייערע געגאסענע פיזיאנאמיעס, ניט דא קיין גייסט אין זיי, נארישקייטן זענען זיי, ווערק פון צודרייטע, אין צייט פון רעכנונג וועלן זיי פארניכטעט ווערן. (ירמיה נ״א) און ווען די יהודים פון גלות בבל זענען געקומען אונטער דער ממשלה פון כורש מלך פרס, האבן זיי זיך אויך אפגעוויינט פון בילדער קולט.

עס האט זיך די נביאים אויך ניט איינגעגעבן צוריק צו פאראייניקן די צוועלף שבטים אין איין פאלק. דער מלכות ישראל האט זיך אין משך פון זיין געשיכטע ארויסגעשטעלט צו זיין אן אומגעלונגענע שאפונג, צוויי הונדערט און עטליכע דרייסיק יאר האט דער מלכות ישראל עקזיסטירט און צוואנציק מלכים פון צען דינאסטיעס האבן געקיניגט אין דער צייט, ווייל איין דינאסטיע האט אומגעבראכט די צווייטע. בעת דער מלכות בית דוד האט עקזיסטירט ארום פיר הונדערט און זעכציק יאר, געהאט אויך צוואנציק מלכים און אלע פון איין דינאסטיע. דעריבער איז געווען די איינציקע האפענונג פון די נביאים, אז עס וועט אויפשטיין א זוהן פון מלכות בית דוד ווען עס וועט געלונגען צו פארריכטן די טעותים פון דעם נביא אחיהו השילוני און צוריק פאראייניקן די צוועלף שבטים אין איין פאלק.

דער ערשטער וואס האט נביאות געזאגט וועגן דעם איז געווען ישעיה הנביא. נאכן חורבן פון מלכות ישראל האט ער געגלויבט אז עס וועט אויפשטיין א בן דוד וואס דער גייסט פון אלמעכטיקן וועט אויף אים רוען און אין זיין צייט וועט זיין שלום אין ארץ ישראל — „וווינען וועט א וואלף מיט א שעפעלע און דער לעמפארד וועט ליגן צוזאמען מיט א ציגעלע, דאס קעלבל, דעם יונגען לייב און דעם באק וועט א קליין יונגעלע פירן... דעמאלט וועט דער אלמעכטיקער צונויף נעמען די פארשטויסענע פון ישראל און די פארשפרייטע פון יהודה פון די פיר ערד עקן. אפגעטוען וועט ווערן די קנאה פון אפרים און די באלאגערער פון יהודה וועלן פארשווינדן ווערן, אפרים וועט ניט מקנא זיין יהדה און יהודה וועט ניט באלאגערן אפרים... צו דעם רעשטל איבערגעבליבענע פון פאלק אין גלות אשור וועט זיך עפנען א וועג א היים ווי צו ישראל אין טאג ווען ער איז אויפגעגאנגען פון מצרים״. (ישעיה י״א).

די בן דוד נביאות, וואס וועט צוריק ברענגען די פארטריבענע פון מלכות ישראל און זיי צוריק פאראייניקן מיטן מלכות יהודה אין איין פאלק, איז דער לייט־מאטיוו פון די ספרי נביאים אליך נאך שעיה הנביא. ירמיה זאגט: „קול ברמה נשמע נהי בכי תמרורים״: א שטימע הערט זיך אויבן, זיפצן און א

ביטער געוויין. רחל קלאגט אויף אירע קינדער, זי לאזט זיך ניט טרייסטן, פארטריבן זענען אירע קינדער. הער אויף צו וויינען וויש־אפ דיינע טרערן — זאגט דער אלמעכטיקער צו איר, צוריק קערן וועלן זיך דיינע קינדער פון פיינדס לאנד... הבן יקיר לי אפרים"... (ירמיה ל"א) און יחזקאל דערקלערט אין נאמען פון אלמעכטיקן — „איך וועל אויפשטעלן איבער זיי איין פאסטוך, איין מלך וועט זיי פירן, מיין קנעכט דוד וועט זיין זייער מנהיג. איך וועל זיי צוריק ברענגען אין זייער לאנד אריין, געבן זיי מיין ברכה, רעגן אין צייט. די ביימער וועלן וואקסן פול מיט פרוכטן"... (יחזקאל ל"ד).

אבער ניט קוקענדיק אויף דעם פאראויסזען און פאראויסזאגן פון די נביאים, אפרים איז ניט מער צוריק געקומען אין זיין היים־לאנד, די צען שבטים זענען אפגעריסן געווארן פון פאלק ישראל אויף אייביק. זיי האבן זיך אויסגעמישט מיט די איראנישע שטאמען, מיט מדי און פרס, און עס איז פון זיי אפילו א זכר ניט געבליבן. די חכמי התלמוד האבן געזאגט, ארום זיבן הונדערט און פופציק יאר נאכן חורבן פון מלכות ישראל, „עשרת השבטים אין להם חלק לעולם הבא": אפגעמעקט זענען די צען שבטים פון יידישן פאלק און זיי וועלן קיינמאל ניט מער צוריק פאראייניקט ווערן. דערפון זעט מען דעם אבסורד פון אחיהו השילוני׳ס קולטור קאמף, ער האט אפגעריסן די צען שבטים פון מלכות בית דוד, ווייל ער האט מורא געהאט אז די פרעמדע פרויען וואס שלמה המלך האט ליב געהאט וועלן פארפירן דאס פאלק צו דינען עבודה זרה און אויפגעבן דעם אלמעכטיקן פון ישראל, האט דווקא זיין הסכמה, אויפצושטעלן די עגלי זהב כדי צו פארשטארקן דעם גלויבן אין אלמעכטיקן פון ישראל, געפירט צו עבודה זרה, אין מלכות ישראל צו ערשט און פון איר האט זיך אנגעשטעקט דער מלכות יהודה. אחוץ דעם, האבן זיך די צען אפגעריסענע שבטים אויסגעמישט מיט די פעלקער פון דער וועלט און זענען פארשווינדן, בעת דער רעשט פון די שבטים וואס האבן זיך באהאפטן מיטן מלכות בית דוד זענען געבליבן דאס יידישע פאלק ביזן היינטיקן טאג.

משה דאמב

## אויף חרובע וועגן

(קאפיטל צוויי)

ווען דינה איז אהיימגעקומען פון נאכטישן שפאציר מיט יחיאלן, זענען אירע באקן געווען צערויטעלט, די אויגן פארמרוזשעט פון די פלוצלונגע ליכטיגקייט אין איר מיידלעריש שטיבל, זי האט זיך געדרייט אהין און אהער, ווי צעשרויפט און ארויס פון די כלים, צום סוף, האט זי זיך געגעבן א שוידער, אירע אויגן האבן פארחידושט אויפגעשיינט, א אינערליכער שמייכעל האט באהערשט איר אומערטיקייט און זי האט שנעל א כאפ געטון דעם ראזא געבינדענעם בעז־שמעקנדיקן אלבום, שנעל א מיש געגעבן צווישן די פארבענקט שמעקנדיקע מיידלערישע פאטאגראפיעס, א אינערליכער ציטער האט איר אדורכגענומען



זי האט אראפגעלאזט אירע שיינע טונקעלע אויגן־לעפעלאך און אין זיך א שעפטשע געטון, ווי פאר זיך אליין וואלט דאס געווען א סוד: יא יא, אהאא... מעט טאקע זען...

אירע לאנגע שניי־ווייסע מיידלערישע פינגער, האבן לייכט און צארט געהאלטן מלכהעס בילד, ווען מלכה איז אלט געווארן אכצן יאר, זי האט באטראכט איר בילד און דערביי זיך געטראכט: נו יא... הממ... אז מע איז אזוי שיין איז ניט קיין חידוש... זי איז טאקע א קלאסישע שיינקייט, אזא גוף... דער פאטאגענישער פראפיל, ווי ביי מאריא קארטעז די שפאנישע שיינקייט, אזעלכעס זעט מע נאר ביי קלאסישע קונסט־מאלער, אבער דאך א פראסט מיידל, מיט באגרענצקייט...

צוריקלייגענדיק מלכהעס בילד ניט אויפן ריכטיקן ארט אין אלבום צווישן אנגעווארפענע פאטאגראפיעס, האט זי שנעל מיט נייגעריקייט אויפגעזוכט יחיאלס א פאטאגראפיע, ווען ער איז געווען אין זיבעטן קלאס גימנאזיום, זי האט גוט אריינגעקוקט אין יחיאלס בילד און יעצט מער פארשטאנען, וואס פארא אינטערסאנטער טיפ חיל איז, זי האט מער באוואונדערט זיין ניט דורכשניטליכע אינטעליגענץ, יעצט בעסער פארשטאנען די, וואס פארגינען ניט דעם ארימען גארבערס זון, זיין בילדונג, זיין איידעלקייט, דערעיקרשט זיין גרעסטע מעלה און דעם מענטשנס גרעסטע מעלה, עניוות, די טבע פין מענטשן וואס זענען שוואך און קענען גארניט שאפן, איז אוועקצולייגן אזא איינעם, פטור ווערן און ניט הערן פון אים, טאמער קענען זיי א פעיאיקן מענטש וואס ווארפט זיך ניט מיט זיינע פעיאיגקייטן און פלוצלונג דערזען זיי א בליץ, וואס קען זיי פארשטנען, בלייבן זיי פארבליפט: הא... ווו קומט דאס צו אים?... למשל, אזא מייערצשע מעגע, בנציון חזירס זון, וואס האט ער שוין אלץ ניט אויסגערעדט אויף חילן... אדער חנן יוסל פעפערס, דער קליינגעוויקסיקער איינבינדער, שיעלע ליגנער, עלע בארשטן־מאכערס זון, זיי אלע גראבן אונטער חילן ווי אונטערערדישע חיהלאך און צום סוף ווערן זיי אליין באגראבן אין די גריבער... יא, שלעכטס טון א מענטש איז צוטון א פינגער צו צעשטערונג, נאר גוטס קאן און מוז פירן צו גוטס...

א טויטע ניט דורכזיכטיקע לאנגווייליקייט האט דינהען אדורכגענומען, זי האט אלץ ניט געקענט פארגעסן, מלכהען און יחיאלן, זי האט זיך געטרייסט, אז חיל וועט קיינמאל ניט חתונה האבן מיט מלכהען, ווייל מלכה איז צו פראסט, בטבע, האסן פראסטע מענטשן געלערנטע, באזונדער האט איר ברודער שמוליק איר פארטרויט א סוד, אז ער שמוליק און מלכה האבן זיך זער ליב און גרייטן זיך חתונה צו האבן, ווען זי דינה וועט נאר אפפארן קיין לאנדאן.

בליץ שנעל איז איר געקומען א געדאנק אין קאפ אריין: ע, אפשר אסך טאקע צוליב דעם וואס ער שמוליק ליבט אזוי שטארק מלכהען, צוליב דעם חלשט חיל נאך מלכהען... יא יא... המ המ... מענטשן זענען ווי מאלפעס..., וואס דיר געפעלט, וואס דו האסט ליב, וואס דו קויפסט, וויל איך אויך דווקא האבן... א פרימיטיווער אורשפרינג, וואס געפינט זיך אפילו אין גרעסטן גע־

לערנטן, אפשר דערפאר האב איך אזוי ליב חילן, צוליב דעם וואס חיל ליבט אזוי שטארק מלכהען ?...

א גאנצע נאכט האט זי זיך געפלאנטערט און געמאטערט מיטן געדאנק: אפשר גאר וואלט געווען גלייך, ניט פארן יעצט קיין לאנדאן, נארווארטן ביז נאך שמוליקס חתונה מיט מלכהען? זי האט א קרום געטון מיטן פנים: עי, ניין, דער שכל זאגט מיר: פאר, דינה! וועל איך דווקא פארן און שוין...

זי איז ניט געשלאפן א גאנצע נאכט, רייזע־פיבער האט זי געהאלטן וואך און מונטער, זי האט כסדר געקוקט אומרויק צום פענצטער, אויב סע טאגט שוין, מיט א זשעסט האט זי געעפנט דאס פענצטער, געקוקט מיט האלב מידע פארשלאפענע אויגן אויף די פעלדישע ווייטקייט, מיט טרויער זיך דערמאנט אסך... און אין געדאנק האט זי זיך מיט טריבע בענקשאפט געזעגנט מיט יעדן פיצל ערד, מיט דיביימער, פעלדישע גרינע בייטן, מיט די העט ווייטע פארנעפלדיקן וואלדישע האריזאנטן.

ווען די נאכטישע טונקעלקייט איז ביזלעכווייז פארשוואונדען און דער בלוילעך־אשיק־רויטליכער פרימארגן האט אנגערויבן צו בליאסקען מיט פייג־לישע שווישטשעריי באגלייט, האט זי פארטרוימט געשיט קרישקעס פאר די פייגעלאך און גוידער־גארגעלדיקע טויבן, זי האט זיך אנגעשטרענגט וואס מער אריינצוזאפן, דעם ריח פון וואסער־פארע, זילבער בלישטשענדיקן טוי און ווילד שמעקנדיקן אזאן.

דער פרימארגן טוי האט באדעקט איר בלאנדן קאפ און באנעצט איר טריב ניט אויסגעשלאפן פנים, דאס האט זי אויפגעפרישט און געמאכט וואכעדיק, זי האט זיך צעשמייכעלט מיט אן אפען מויל, סע האט געשוימט אין איר א פרייד וואס האט געוועקט אינערליך גליק אונבאגרעניצטע האפענונגען, וואס אט אט, קומט עס צו איר הויז, צוזאמען מיט דעם ארום, אווו סע קוויטשען חזרים, הירזשען פערד, גארגלען גענז, קוואקען הינער, הינט וויען מארודנע.

איבער די דארפישע פלויטן האט זיך געוויקעלט א רויך פון די שטרויענע הייזקעס ליימענע קוימענס, פון צעווייטן דעם רויך האבן זיך באוויזן שטראלן פון די אויפגייענדיקע זון פון אונטערן וואלדישן האריזאנט, דער זוניקער אויפ־שטיין האט איר א בלענד געגעבן פאר די אויגן, האט זי מיט איין האנט זיך פארשטעלט די אויגן און מיט די אנדערע האנט א שיט געגעבן א פולע זשמעניע מיט קרישקעס און דערביי הויך א געשריי געטון: העי! זייט געזונט הארציקע פייגעלאך! די זון האט מער אויפגעשיינט, פון ערגעץ האט מע גע־הערט א פאראיינזאמט רופען פון א קוקו, דארפישע מיידלאך גייענדיק צו די פעלד־ארבייט, האבן קוויטשעדיק געזינגען: ווי גוט ס׳איז צו ליבן היינט, ווען דאס וואסער שטראמט ווארעם און די זון שיינט... אוי דאנא דאנא. דינהען האט אט דער ניגון א ברי געגעבן, אירע ווייס־צארטע בריסטן האבן גפאליעט מיט באגער, מיט ליבע בענקשאפט, נאך צערטליכקייטן און קושען.

— המשך קומט —



אייזיק גאלדבערג

# אביסל שלום-עליכמדיקס

(צו די הונדערט יאר שלום־עליכם)

די יידישע וועלט אין אלע לענדער, וואו יידן וואוינען, אויך אין מדינת ישראל, פייערט מען דאס יאר 1959 — שלום־עליכמס הונדערטס געבוירן יאר. דער אנהויב איז אומעטום געווען זער אקטיוו. עס לאזט זיך שוין צוזאמענ־שטעלן א געוויסע אפשאצונג.

אויך דא אין ענגלאנד, אדער בעסער געזאגט דערווייל אין לאנדאן, האט זיך ויך דס געזעלשאפטלעכע לעבן אביסל צעקאכט שלום־עליכמדיק: אנגע־הויבן האט זיך עס אין חודש פעברואר, 1959.

דאס ערשטע, וואס האט זיך באמערקט אין דער עפנטלעכקייט און זיך געווארפן אין די אויגן, איז געווען די נישט־יידישע לייברערי (ביבליאטעק) אין ווייטשעפל, לאנדאן, וואו די פענסטער זענען געווען מיט יידישע פלאקאטן, פאטאגראפן, צייטונגס־אויסשניטן אויסגעפילט. אויך פילע ביכער פון שלום־עליכמען זענען אויפגעמאכט, אויסגעלייגט געווען.

אויך דאס יידישע טעאטער, „גרענד פאלעי״, אויף דער איניציאטיוו פון „פריינט פון יידיש־לשון״, האט אויפגעטון א גרויסע זאך. באלד צוויי חדשים איז, אומאונטערבראכן, געשפילט געווארן שלום־עליכמס „שווער צו זיין א ייד״, אנגעפירט פונם גוט־טאלאנטירטן שוישפילער, הארי אריעל, און דווקא זער גוט און קינסטלעריש אויסגעפירט. מען איז געגאנגען אין טעאטער פון אלע קרייזן, און סתם יידן זענען געקומען. די אקטיארן אליין האבן זיך געפילט, שפילנדיק די פיעסע, עפעס יום־טובדיקער ווי אלעמאל. זיי, די „בלאנדזשענדע שטערן״... האבן זיך דא צוזאמענגעשטויסן מיט זייער ענלעכן פראבלעם, ד.ה. עס איז אויך שווער צו זיין א יידישער אקטיאר...

דערפאר, אפשר אויך זייער גאר אויסגעצייכנט שפילן...

אבער גאר באזונדערס, און פאר אלעם ערשט, איז ארויס אין דער עפנט־לעכקייט מיט א ברייטן און פיל־זייטיקן פראגראם דער „פריינט פון יידיש־לשון״. עס איז ווערט צו דערמאנען, דאס א גאנצע ריי „ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס״ זענען געווען געווידמעט פאר שלום־עליכמס יובל, מיט רעפע־ראטן, אפשאצונגען, דיסקוסיעס און, הויפטזעכלעך, דורך פארלייענען פון זיינע ווערק.

אן עקסטרא עפנטלעכער באנקעט לכבוד הונדערט יאר שלום־עליכם איז אויסגעפירט געווארן אין דער אדלער־האל דורך רעדעס, רעציטאציעס, פאלק־לאר או געזאנג.

אין בן־אורי זענען צוויי אוונטן פייערלעך אדורכגעפירט געווארן, מיט רעדעס און פארלעזן פון שלום־עליכמס ווערק.

א חוץ דעם האט דער „פריינט פון יידיש־לשון״, צוזאמען מיט דער „יידי־שער קולטור געזעלשאפט״, אפגעשלאסן א טעאטער פארשטעלונג, „שווער צו זיין א ייד״, וואס איז אדורך מיט גרויס דערפאלג.

אויך דער „סעמינאר" האט געווידמעט עטלעכע באלערנדיקע רעפעראטן צום הונדערט יאריקן יובל.

א זער וויכטיקער אויפטו איז געווען וואס דער חודש־זשורנאל, „לשון און לעבן", איז אינגאנצן געווען געווידמעט צו די „הונדערט יאר שלום־עליכם"; אויך די נאכפאלגענדע נומערן „לשון און לעבן" זענען טיילווייז אויסגעפילט מיט אקטועלן וועגן שלום־עליכמען.

ביי די אלע אויבנדערמאנטע אונטערנעמונגען זענען הויפטזעכלעך פארגעלייענט געווארן פון שלום־עליכמס ווערק, אזוי, אז יעדער זאל אויפנעמען דאס קינסטלערישע ווארט לויט זיין אייגענער אויפאסונג. און אזוי גייט מען נאך ווייטער אן.

עס האבן נאך אנדערע ארגאניזאציעס זיך געלאזט הערן דא אין לאנדאן מיט פייערן שלום־עליכמס יובל יעדער לויט זיין אופן. דאס זענען געווען דער לאנדאנער יידישער זשורנאליסטן פאריין, מיט דער קולטור־סעקציע פון יידישן וועלט־קאנגרעס; אויך דער ארבעטער־רינג א.א.וו.

אויך אויף די שפאלטן פון דער ענגלישער פרעסע, באזונדערס אין דער יידישער אין ענגליש־יידישער פרעסע, ווי „די יידישע שטימע", „דזשואיש קראניקל", „דזשואיש אבסערווער" א.א.וו. איז אסך געווען געווידמעט מיט אפהאנדלונגען וועג שלום־עליכמען.

אזוי איז אין לאנדאן, אן גרויס געטומל, אבער מיט גרויס התלהבות און מיט א געוויסער מאס ערלעכקייט און טאלעראנץ, ביז איצט געפייערט געווארן דער הנדערט־יאריקער יובל פון שלום־עליכם.

און ווי זעט עס אויס אין דער גארער וועלט ?

לויט די צייטונגס־ידיעות פון אומעטום און פון פערזענלעכע שילדערונגען, אויך לויט מיינע באשיידענע איינדרוקן, דערלויב איך מיר זיך אויך עטוואס ארויסצוזאגן וועגן דעם.

דא אין אייראפע, וואו פאריז איז געוויסערמאסן דאס הארץ פונם יידיש־ריידנדיקן עולם, האב איך גראד געהאט דאס גליק צו זיין אנוועזנד ביים אנהויב פון די שלום־עליכם פייערונגען. דארט האט זיך דאס אביסל געקאכט מיט שלום־עליכם אקאדעמיעס, טעאטער־אויפרונגען, קאנצערטן, מיטינגען. פערזענלעכקייטן זענען געווען פון ישראל, פון אמעריקע, פון לאנדאן; פון די סאוויעטישע מלוכות זענען געווען ווארט־קינסטלער, ווירטואזן, זינגער א.א.וו. אויך די יוגנט איז טיילווייז געווארן ארייננגעצויגן. ס'האט ארומגעכאפט אזא ווארימדיקייט, אזא שלום־עליכמדיקע שמחהדיקייט!...

אלץ וואלט געווען וואויל און גוט, אבער עס ווערט אביסל פריקרע אויפן הארץ, ווייל יעדע ריכטונג האט דארט א באזונדערן צוגאנג צו שלום־עליכמען און צו זיינע ווערק בכלל.

ביווואוינענדיק א געוויסע שלום־עליכם אקאדעמיע האב איך געהערט ווי א געוויסער רעדנער האט דערקלערט אין זיינע פייערלעכע לויב־געזאנגען, אז שלום־עליכם איז געווען א גרויסער פאפולערער שרייבער. זיין הומאר, זיין



לייכטע פארם און ארט שרייבן בכלל האט געהאט א דערציערישן ווערט, וואס האט געהאלפן אויפקלערן די ברייטע מאסן, דעם „עמך" פון זיין צייט, וועלכע האבן אים געקאנט פארשטיין און לייכטער אויפנעמען, ווי למשל מענדעלען אדער פרצן, ווייל זיי זענען געווען טיפער און פילאזאפישער. היינט אבער האבן זיינע שילדערונגען נישט קיין גרויסן ווערט, ווייל די טיפן, די מנחם־מענדלס, טביהס א.ד.גל. עקזיסטירן נישטמער. אחוץ טיפישן הומאר, אונטערהאלטונג און געלעכטער איז קיין גרויסע פראבלעמאטיק ביי אים נישט פאראנען... ווי גאזאגט, האט שלום עליכם זיינע גרויסע פארדינסטן אלס פאלקסלערער און דערציער פון זיין צייט. דערפאר איז וויכטיק צו פייערן איצט הונדערט יאר שלום־עליכם.

עס פרעגט זיך, זעט זשע טאקע נישט אזא רעדנער, אז אויך־היינט נאך לעבן שלום־עליכמס טיפן און געשטאלטן אין אלע לענדער אויף פארשידענע אופנים?... מיר האבן היינט, ב"ה, גענוג מנחם־מענדלס, כלי־קודש, רבים, רעווערענדס, שמשים, מאדערנע בטלנים, קבצנים א.א.וו. היינט ערשט די טביהס, זיי זענען דאך איצט געווארן א לעבעדיקע ווירקלעכקייט! אמאל האבן זיי געחלמט וועגן אן ארץ־ישראל, היינט פארן זיי צו זייער ארץ־ישראל, וואו זיי האבן דארט אייגענע פארמס פון כל־טוב... דארט קאנען די מנחם־מענדלס האנדלען מיט אלעס, וואס איז נאר דא אויף דער וועלט!...

דאך איז כאטש גוט וואס עס ווערט אויסגעפונען, אז שלום־עליכם איז געווען א גרויסער לערער און דערציער. ווען נישט דאס, וואלט דאך גארנישט געלוינט צו פייערן שלום־עליכמען... דערפאר קומט אזא רעדנער אויך א יישר כח...

ביי אנדערע פייערונגען האט מען געהערט, אז שלום־עליכם איז דווקא יא א קלאסיקער און אויפבויער פון דער יידישער ליטעראטור, אבער זיינע ווערק זענען פארווארצלט מיט דעם יידישן גלות, פאר וועלכן ער האט געשאפן, געקעמפט אומעטום פאר א פריי און בעסער לעבן אויפן סאציאלן און קולטורעלן געביט.

מילא, דעריבער לאזט זיך שוין רעדן, ווייל דער „עמך" איז ביי שלום־עליכמען געווען דאס נאענטסטע און טייערסטע.

מיט א גאר באזונדערער פארב און כאראקטער האבן זיך באוויזן די גאר לינקע ריכטונג אויף דער יידישער גאס אין פאריז. דא איז שלום־עליכם געפייערט געווארן מיט אן אימפאזאנטן מוזיקאלישן, קינסטלערישן קאנצערט, מיט אפשאצונגען נישט בלויז אלס גרויסער יידישער שרייבער, נאר אויך אלס קעמפער און רעוואלוציאנער, וואס האט געוועקט די מאסן צום קאמף אקייגן דעם רוסישן צאריזם און קייגן אונטערדריקונג.

מ'קאן אין א געוויסן זין דערמיט מסכים זיין, ווייל שלום־עליכמס שרייבן האט א מוסר־השכל, און אין זיין גרעסטן הומאר איז דא ערנסט און פראטעסט אקייגן אומגערעכטיקייט; זיין לאכן איז אלעמאל מיט יאשטשערקעס...

דאך ווען מ'זעט דאס יידישע פאריז, וואו עס פליסט נאך דארט א ניצוץ

פון דעם הו־הא פון דאס אמאליקן ווארשע, לאדזש, קראקע א.א.וו., וואו דער עולם איז נאך פאראינטערעסירט אין א יידיש ווארט, אזוי קאן מען פארשטיין, אז דאס פאריזער יידנטום קאן זיך נאך דערלויבן דעם לוקסוס פון א געוויסער מאס פארטייאישקייט און אויך איינזייטיקייט ביים פארמירן די שלום־עליכם פייערונגען.

---

אויך פון יענער זייט אקעאן, אין דרום־אמעריקע — באזונדערס אין ארגענטינע — דארט וואו עס איז פארהאנען א גרויס יידיש ריידנדיקער עולם, ווערט שלום־עליכם גרויס געפייערט. אויך די יוגנט באטייליקט זיך זער שטארק דורך זייערע יידישע פאלקס־שולן מיט אויפירוניגען און אנדערע אונטערנעמונגען.

פון אויסטראליען קומען אויך אן ידיעות וועגן גרויסע פייערונגען צום הונדערט יאריקן שלום־עליכם יובל.

איצט ערשט אין צפון־אמעריקע, אין ניו־יארק, דעם גרעסטן יידישן ישוב, וואו עס קאכט זיך און שלום־עליכעמט זיך דארט אביסל פון אלע ריכטונגען. דעריבער וועט מען ערשט שפעטער קאנען געבן א געהעריקע אפשאצונג.

---

באזונדערט איז אינטערעסאנט פאר אונז וואס אדאנק דעם שלום־עליכם יובל האט זיך אויפגעמאכט א שפארע פון סאוויעט־רוסלאנד, וואו עפעס א ניי ווינטל בלאזט אדורך... עס לוינט וועגן דעם עפעס א טראכט צו טון.

לויט די ידיעות זעען מיר, אז שלום־עליכם איז דארט זער גרויס געפייערט געווארן, נישט בלויז אלס יידישער, נאר אויך אלס רוסישער שרייבער; דערצו נאך אויף א מין אינטערנאציאנאלן אופן. והא ראיה, ס'זענען דארט געדרוקט געווארן זעקס מיליאן עקזעמפליארן אויף רוסיש און, בסך־הכל, דרייסיק טויזנט יידישע עקזעמפליארן. ס'פארשטייט זיך, אז עס געפינען זיך נישט אין רוסלאנד מיט די סאטעליטן קיין זעקס מיליאן יידן. איז געדרונגען, אז די ביכער זענען אויך פאר די נישט־יידן. נישט צו פארגעסן אויך די שלום־עליכם פאסט־מארקן און די גאסן אויף שלום־עליכמס נאמען. מהיכא תיתי, זאל שלום־עליכם אויך באקאנט און דערהויבן ווערן צו דער ריי פון די וועלט־בארימטע, אניוועראלע קלאסיקער. זאלן אנדערע פעלקער זיך באקאנען מיט זיין גייסטיקן קוואל און יידישן פאלקלאר. מיר יידן לערנען אויך פונם גייסטיקן אוצר פון די קלאסיקער פון אנדערע פעלקער.

געוויס ווייזן פילע קאטעגאריש צוריק די טובות, וואס רוסלאנד ווייזט אונז יידן פלוצים ארויס, מאטיווירנדיק דאס אלס א פראפאגאנדע; א מין גוט־מאכונג פאר די אויסראטונג פון די יידישע שרייבער, די יידישע קולטור און וועגן די באהאנדלונג פון דעם יידישן נאציאנאלן פראבלעם בכלל. עס איז פארשטענדלעך, אז אין יעדן יידישן הארץ ברענט א מין פייער, א פראטעסט אקייגן דעם אלעם. דער שווארצער פלעק וועט געוויס בלייבן אויף עולמות!...



אבער דאס באטראכטיקט נישט צו זיין צופיל קאנסעקווענט, ווייל אויב עס קלערט זיך דארט אביסל אויף דעם יידישן געביט, אין וועלכן פארם עס איז, איז עס ווערט צו באגריסן. די יידישע געשיכטע איז אנגעפילט מיט רדיפות אין אלע לענדער; און צולעצט דייטשלאנד, וואס האט אלעמען איבערגעשטיגן. אפילו מיט איר שטייט מען שוין אין א שלום ושלוהדיקייט...

לאמיר האפן, אז מיט שלום־עליכמען וועט ווערן א גוטער אנהויב אין סאוויעט־רוסלאנד פאר דעם יידישן פראבלעם בכלל.

דערווייל באמערקט זיך שוין אין דער יידישער וועלט א שטיל־שטאנד און אן אפקילונג צום שלום־עליכם יובל. לאמיר אבער האפן, אז אויף דעם געביט וועט נאך פיל געטון ווערן, און עטוואס ממשותדיקס וועט דערפון ארויסקומען...

---

עיקר שכחתי: זער אפט געפינט מען ביי שלום־עליכמען פארענדיקט מיט אן עיקר שכחתי. איך וויל מיין עיקר שכחתי פארענדיקן מיט אט וואס.

אחוץ די שלום־עליכם פייערונגען פון די ארבע פינות העולם, וואו יידן געפינען זיך, האבן מיר דערלעבט איצט א „צענטער", וואו אלעס דרייט זיך ארום דעם — און דאס איז מדינת ישראל. מיר הערן פון די ידיעות, אז דארט קאכט זיך אויך אביסל. מען פייערט דארט שלום־עליכם אויף העברעאיש און, ממילא, אויך אויף יידיש. טעאטערס, ארגאניזאציעס, פאריינען א.א.וו., אויך די ישראל־ראדיא, די העברעאישע און יידישע פרעסע. דערצו הערט מען אזא דערקוויקנדיקע נייעס, אז כמעט גאנץ שלום־עליכם איז איבערגעזעצט אויף העברעאיש. אויך דערפריידט אונז צו זעען ווי ס'קומען ארויס פון ישראל מיט שלום־עליכם פאסט־מארקן.

נאך דעם גאנצן וועלן אריבערשפרייזן דעם גלות מיט די גלות־ליטעראטור בלאזט איצט דארט עפעס אן אנדער ווינטל... עפעס הערט מען איצט קול־קורא'ס אויך דא פון ציוניסטישע ארגאניזאציעס, פון מנהיגים, ווי ד"ר לעווענבערג און אנדערע, אז מען זאל אויפלעבן דאס יידישע לשון. אויב דאס איז ערלעך געמיינט, איז עס א גרויסער פארדינסט פאר די יידן סאי אין גלות סאי אין ישראל.

נאך אלעם, הייסן מיר דאך עפעס דאס „עם הספר"! אזוי זאל מען טאקע באווייזן, אז מיר קאנען פארדייעןביידע, סאי עברית סאי יידיש־לשון. אפילו די סאברעס דארפן זיך נישט אפשטויסן פון יידיש. עס דארף נישט זיין קיין מחיצה צווישן די ביידע לשונות, ווייל דאס ברענגט א מחיצה צווישן יידן בכלל.

זאלן מיר ביי דער עגלעגנהייט ווינטשן: אזויווי דער סימבאלישער גרוס אין ישראל איז שלום און דער נאמען פון אונזער גרויסן יידישן קלאסיקער איז שלום־עליכם, זאל טאקע אויך ווערן אויף דעם געביט — שלום־עליכמדיק!...

# לאנדאנער קולטור ידיעות

מ. א. סול, פון אמעריקע האָט געווײלט אײניקע טעג אין לאָנדאָן און איז אויפגעטרעטן בײ די שבת־נאָכמיטאָגס.

די טעג איז אַרויס אַ בוך פון י. טיגער אונטערן טיטל „דער צדיק און דער בעל־תשובה״.

חי אַלע יאָר האָט הרב יהושע שפּעטמאַן אַרויסגעלאָזן זײן ימים נוראים קונטרס.

בײ די שבת נאָכמיטאָגס האָט שלמה אויערבאַך געלײנט זײן הקדמה צום דערשײנענדיקן בוך פון בן־א. סאָכאַטשעווסקי ע.ה., צום אָפּפאָרן פון שרה סאָכאַטשעווסקי קײן אַמעריקע און דער אנגעלעגנהײט פונם בוך.

יצחק קרעלמאַן וועלכער איז שוין אײניקע חדשים אין ישראל שפּילט דאָרטן יידיש טעאַטער מיט גרויס דערפאָלג.

אליהו פאַלושאַק איז געפאָרן קײן ישראל צו דער חתונה פון זײן טאָכטער מיר ווינטשן אַ סך נחת.

בײ דער יאַרצײט הזכרה נאָך רודאָלף ראָקער אײנגעאָרדנט פון דער גרופּע פרײע אַרבעטער שטימע, האָבן גערעדט יוסף לעפּטוויטש א.א. דעם פאָרזיץ האָט געפירט סעם דרין.

צו דער ערשטע יאַרצײט פון משה עובד ע.ה. איז געווען געווידמעט דעם שבת נאָכמיטאָג דעם שאַפן פון משה עובד. דער אַקטיאָר יודל גאלדבערג האט געלײנט און דעקלאַמירט. צווישן אנדערע האָט זיך אויך באַטײליקט דוד דענאו פון אַפריקע.

א. מ. האבערמאַן פון ישראל געפינט זיך אין ענגלאַנד אויף זײן נסיעה קײן אַמעריקע.

ש. אַדלער רודל ווײלט דאָ אויף א באזוך.

שרת וועלכער איז געקומען צו דער קאָנפערענץ פון די ענגלישע ציוניסטן, האָט צו זײן רעפעראַט, בײ דער דערעפענונג פון דער קאָנפערענץ צוגעצויגן אַ גרויסן עולם

לינאַ יאַלדאַטי האָט געגעבן אין פרינצעס־טעאַטער אַן אָוונט פון יידישן פאָלקס־ליד.

בײ די שבת נאָכמיטאָגס איז צו די שלושים פון דוד פינסקי דער שבת געווען געווידמעט דעם שאַפן פון דוד פינסקי ע.ה. צווישן אַנדערע האָבן זיך באַטײליקט י. א. ליסקי, אײזיק גאָלדבערג, נעט רובין און יעקב טײלאָר פון לידז.

אין אַדלער האָל האָט דער יידישער וועלט קאָנגרעס אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקע צײטונג אין וועלכער עס האָבן זיך זאַטײליקט יוסף פרענקל, י. שינדלער אבא באָרנשטײן, חנן ל. פײן האט געפירט דעם פארזיץ. די טעמא איז געווען דער באַריכט פון דעם קאָנגרעס־קאָנפערענץ אין שטאָקהאָלם.

הענרי גערא און ראָסיטאַ לאָנדנער וועלן זײן די סטאַרס אין גרענד פּאַלעי טעאַטער הײיאָריקן סעזאָן.

בײ אַ ייוו״א געלעזל טײ אין קאָרע האטעל האט יוסף לעפּטוויטש דערצײלט פון זײן באַזוך אין פוילן. י. שינדלער האָט געפירט דעם פאָרזיץ.

אין קומענדיקן חודש וועט פרײנט פון יידיש לשון אָנהײבן דעם סעמינאַר פאַרן ווינטער סעזאָן.

פאַרן קומענדיקן חודש גרײט צו דער יידישער וועלט־קאָנגרעס אַ גרײסע שלום עליכם פײערונג.

דער ייוו״א פײערט קומענדיקן חודש, די שלום עליכם־פײערונג, מיט אַן אויפפירונג פון שלום עליכמס אַ דראַמע אין גרענד פּאַלעיי טעאַטער.

דער באַקאַנטער ווײטשעפּלער חזן ברוך סמוס פון דער פּילגעט־שול איז געוואָרן אַ בן־ששים. מיר ווינטשן אים נאָך אַ סך יאָרן אָנצוגײן מיט זײן עבודת הקודש און מיט זײן פײנעם זינגען די יידישע פאָלידלעך.

## מיטטײלונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאָכמיטאָגס

(אין בערנער סטר. 33, בערנאַרד באַראָן סעטלמענט — 3 אַזײגער)

שבת, דעם 10־טן אָקטאָבער — דאָס טראַדיציאָנעלער שבת־תשובה פּראָגראַם.

שבת חומ״ס, דעם 17־טן — פאָרלעזונגען און רעציטאַציעס פון אונזערע קלאַסיקער.

שבת, דעם 24־טן — מ. מינדל[illegible] 50 יאָר זכרונות פון לאָנדאָנער לעבן.

HAMLETS
LIBRARIES

# לשנה טובה וונשן (המשך)

לואיס קויהען און פרוי ווינטשן אַלע זײערע פרײנט און משפחה, א כתיבה וחתימה טובה.

מרס. שרה סאָכאַטשעווסקי ווינטשט איר קרובים און פרײנט אַ כתיבה וחתימה טובה.

אברהם קרײטמאַן ווינשט דעם זון אין ישראל מיט זײן פרוי און דעם אײניקל אין בריסטאל און די משפחה און כלל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. שרה לאה האָכשטײן, ווינטשט איר פאמיליע, פרײנט און זון און קרובים, בכל מקום שהם, א גוט יאר, און א כתיבה וחתימה טובה.

מר. און מרס. הײשעריק, ווינטשן אלע זײרע קרובים, פרײנט אין ישראל און חוץ לארץ, א שנת חיים ושלום פון כל טוב.

ל. בײלי ווינטשט אלע פרײנט, פאמיליע, און קרובים א גוט און געזונד יאר.

מרים לעווי און פאמיליע ווינשט אלע פרײנט אלעס בעסטע צום נײען יאר.

א. חנן און פרוי ווינטש אַ גוט יאָר אַלע זײנע פרײנט און אַלע יידן בכל מקום שהם און מדינת ישראל.

יהושע שינדלער און פרוי ווינשט אַ כתיבה וחתימה טובה אַלע זײנע פרײנט און כל ישראל.

אבא באָרנשטײן און פרוי, ווינשט אַ גוט געזונט יאָר אַלע זײנע פרײנט אין ישראל און בכל מקום שהם.

מר. און מרס. ראזען ווינטשן אלע פרײנט און בעקאנטע א גוט יאָר.

מר. און מרס. סעם לעמקאוויטץ, 115 אַמהערסט רויד א.5 און זון ווינטשן אלע פרײנט און בעקאנטע בכל מקום שהם א כתיבה וחתימה טובה.

איך ווינטש מײן ברודער און פאמיליע ווי אויך אלע פרײנט פון יידיש און פון לשון און לעבן א געזונט און פרײלעך יאר.

ל. אַלמאַן, מאַנטשעסטער.

מר. און מרס. סעם הערסט ווינשן זײערע זין, טאכטער, שנירס, אײניקלעך, משפחה און קרובים אין ישראל, רומעניע, אַמעריקע, אַ כתיבה וחתימה טובה.

פיליפ קלײנבוים ווינשט זײנע ברידער אין שוועסטער און די גאנצע משפחה אין פראנקרײך און אין ענגלאנד און אלע זײנע פרײנט אַ גוט און גערינג און פרײלעך יאָר.

דער דיכטער שמואל און אסתר ווהײט — ווינטשן זײער פאמיליע, פרײנד און כלל ישראל אַ כתיבה וחתימה טובה.

מרס. טאבאטשניק ווינשט אירע קינדער און אלע פרײנט א גוט יאָר.

סעם לעף און פרוי ווינטשן אלע פרײנט פון יידיש לשון א גוט יאר.

רחל מירסקי ווינשט איר שוועסטער און שוואגער אין דער שווײץ, איר ברודער מיט זײן פרוי און קינדער אין אמעריקא, איר משפחה אין מדינת ישראל אויך אין פאריז און אלע פרײנט אין לאנדאן א גוט יאר.

לשנה טובה צו אלע פרײנד און יידן בכלל אין דער גאנצער וועלט ווינשט מר. און מרס. פאדאלסקי.

משה מארקאָוויטץ ווינשט זײנע זין, שנורס און טעכטער, אויך זײן פאמיליע א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה צו אלע פרײנט — מרס. ר. לעווי.

ב. שולמאן פרוי און פאמיליע ווינשט זײן פאמיליע פרײנט און כל ישראל א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו צו מײנע קינדער און זײערע משפחות און אלע פרײנט פון לשון און לעבן — פרץ אקערמאן.

א גוט געזונט און גליקלעך יאר, ווינטש איך מײנע טעכטער, אײדעם, אײניקלעך, משפחה און פרײנט — שלום סאלאמאן.

א געזונט און גליקלעך יאר, ווינטשן מיר אונזער טאכטער אײדעם, אײניקל, ריטשמאַנס משפחה און פרײנט. באַזונדערס אלע פרײנט פון „פרײנט פון יידיש לשון״ די „ליטעראַרישע שבת נאכמיטאגס״ און כל ישראל — אײזיק גאלדבערג און פרוי צביה.

אסתר ראמפעדער ווינשט די פאמיליע און אלע בעקאנטע א כתיבה וחתימה טובה.

יעקב און מילע טײלאר פון לידז ווינטשן אלע זײערע פרײנט און באקאנטע איאר פון געזונט און שלום.

לשנה טובה תכתבו ! צו מײן טײערן ברודער דאָקטאָר א. מ. זילבערג, זײן פרוי און קינדער אין קאַראַקאַס ווענעצועלא און צו אלע פרײנט פון אידישן וואָרט ווינטש אים אַ געזונטן צופרידענעם יאָר—עללא זילבערג.

מר. און מרס. פ. הײמאן און פאמיליע ווינטשן זײערע פרײנט און אויך פאמיליע אין ישראל א שנה טובה.

## לשנה טובה ווונשן (המשך)

אברהם בערמאן און זון דוד ווינטשן אלע זייערע גוטע פריינט א כתיבה וחתימה טובה.

לשנה טובה תכתבו! די בעסטע ברכות צום נייעם יאר מיין ברודער אהרן, שוועגע־רינס, פלימעניקס און פלימעניצעס אין בריסל, תל־אביב, טאראנטא, זייערע פרויען און קינדער. די קאלעגן און „פריינט פון יידיש לשון״, דער יידישן זשורנאליסטן און ליטעראטן־פאריין אין לאנדאן; די ה״ה רע־דאקטארן און מיטארבעטער פון די יידישע צייטונגען אין תל־אביב, ניו־יארק, ארגענ־טינע, בראזיל, יאהאנעסבורג, פאריז און לאנדאן. — ש. י. הארענדארף און פרוי

ישראל און בעטטע שפעטמאן ווינטשען דעם כלל ישראל אַ שנה טובה.

איך ווינטש מיינע ברודער און פריינט אין לאנדאן, מיינע געשוויסטער אין ניו יארק, מיין משפחה און פריינט אין אמסטערדאם און אין ישראל א כתיבה וחתימה טובה — י. מאנדעלבוים און פרוי.

מרס. זוסמאן ווינטש אַ גוט יאָר אירע קינדער, קרובים און פריינט.

סעמועל, 27 ניוראָד „סעקאַנט קלאָטה שאָפ״ ווינטש אַלע זיינע פריינט אַ גוט יאָר.

דער קאָמיטעט פון פריינט פון יידיש לשון ווינשט אַלע זייערע מיטגלידער און אַלע יידן בכל מקום שהם, אַ כתיבה וחתימה טובה און אַ שנת שלום איבער דער גאַנצער וועלט.

---


פריינט פון יידיש לשון

**גראנדיעזער**

**שמחת תורה באל**

(טאַנץ און געשמאַקער צובייסן)

**אין דער אַדלער האַל, אַדלער סטריט, א.1**

**זונטיק, 25־טן אקטאבער**

**איינטריט 5 שילינג 6 פעניס** **אָנפאַנג: 7.30**


---

מיר ווינטשן אַ רפואה שלימה אונזער פריינט **שלמה לעמעל** וואָס געפינט זיך אין שפיטאָל. פריינט פון יידיש לשון

**חבר מייקל** פון די פרייע אַרבעטער שטימע־גרופע געפינט זיך אין שפיטאָל, מיר ווינטשן אים אַ רפואה שלימה. „לשון און לעבן״

מיר ווינטשן פריינט גאַרפונקל, וועלכער געפינט זיך אין שפיטאָל, אַ רפואה שלימה. פריינט פון יידיש לשון

---


LEYTON KNITWEAR CO. LTD.

**WHOLESALE WAREHOUSEMEN**

**Knitwear - Blouses - Underwear**

INDUSTRY HOUSE,
37 MIDDLESEX STREET,
LONDON, E.1


---

# לשון און לעבן


חודש־זשורנאל פאר ליטעראטור, טעאטער, קונסט און קולטור

נומער 11 (העפט 338) צוואַנציקסטער יאָרגאַנג נאָוועמבער 1959 לאָנדאָן

רעדאַקטירט פון א. נ. שטענצל


א י נ ה אַ ל ט


אויף אָפענער ווייטשעפל־גאַס (ימים־נוראים־נאָכקלאַנגען), סער זשייקאָב עפשטיין, אויף יעקב עפשטיינס ארון (נאָכקלאַנגען) ........ •• 1

יידישע פילאָזאָפיע און טראַדיציע (דער ערשטע קולטור קאַמף אין דער יידישער געשיכטע) ........ י. ריכטיגער 8

קייסער העגרי דער אַכטער (מיניאַטור) ........ ש. טענענבוים 11

על נהר טעמזע (פאָעמע) ........ א. נ. שטענצל 12

אויף חרובע וועגן (קאַפיטל צוויי) ........ משה דאָמב 21

Buns Norsom (ערשטער פראַגמענט) ........ ט. ס. עליאָט 24

נאָטיצן פון אַ לייענער ........ מ. אַלמאַן 25

חצות (ליד) ........ ש. זאַלקין 27

ביכער אויף מיין טיש ........ ש. דאָרפזאָן 27

אַרבעטער־רינג 50 יאָריקער יובל ........ מ. מינדעל 30

אברהם בוימערדער, ע״ה (נעקראָלאָג) ........ אייזיק גאָלדבערג 31

לאָנדאָנער קולטור ידיעות ........ 32

יידיש ליטעראַרישע שבת נאָכמיטאָגס ........ 32

אַדענהאוער׳ס ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון לאָנדאָן ........ ••


## פרייז 2 שילינג


**אַבאָנאַמענט־פרייז:—26 שילינג פאַר אַ יאָר**

**אין אויסלאַנד:—8 דאָלאַר אַ יאָר**

**אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע:—**

"LOSHN UN LEBN," 17 Delamare Buildings,
Collingwood Street, London, E.1. England

*Published and Edited by A. N. Stencl, 17 Delamare Bldgs., Collingwood Street, London, E.1, and printed in England by The Narod Press, 129-131 Cavell Sreet, London, E.1*